THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
SEP 12
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XVIII No 7669 — Wednesday, September 9th, 1931 — יום ד', כ"ז אלול, תרצ"א. — טאראנטא, מיטוואך דער 9־טער סעפטעמבער, 1931. — PRICE THREE CENTS

קאאליציע רעגיערונג אין ענגלאנד באקומט מעהרהייט פון 59 אין צוטרוי-אפשטימונג

דאס הייסט, אז אלע רעגירונגס פלענער זענען גוטגעהייסען געווארען. — ארבייטער דעפוטאטען פארשרייען דעם פרעמיער ווען ער נעהמט דאס ווארט. — פרעמיער מאכט באקאנט אז ער האט זיך געשניטען די אייגענע ווידזשעס אויף 5,000 דאלאר א יאר. פארלאמענט איז נעכטען געווען איבערגעפאקט מיט באזוכער.

לאנדאן, סעפט. 8.

מיט א מערהייט פון 59 שטימען האט די בריטישע קאאליציע רעגירונג מיט רעמזי מעקדאנאלד אלס פרעמיער, אפגעהאלטען היינט איהר ערשטען זיעג איבער דער פאראייניגטער ארבייטער אפאזיציע, ווען די ספעציעלע סעסיע פון דעם בריטישען פארלאמענט איז דערעפענט געווארען.

לויט ווי עס איז פאראויסגעזאגט געווארען, האבען אלע ארבייטער דעפוטאטען געשטימט געגען דער איצטיגער רעגירונג, בעת אלע קאנסערוואטיווע און ליבעראלע דעפוטאטען האבען געשטימט מיט דער רעגירונג.

די צוטרוי־אפשטימונג איז גענומען געווארען 11 אזייגער אין אווענט (אדער 6 אזייגער פארנאכט אויף אונזער צייט).

מיט דער דאזיגער צוטרוי־אפשטימונג, הייסט, עס, אז דער פארלאמענט האט גוטגעהייסען דער רעגירונג'ס אלע פלענער ווי אזוי צו דעקען דעם דעפיציט פון 600 מיליאן דאלאר, פאר וועלכען צוועק די איצטיגע ספעציעלע סעסיע איז אייגענטליך פאררופען געווארען.

דער פארלאמענט איז דערעפענט געווארען 2.45 נאכמיטאג פון דעם ,,ספיקער'', רייט האנ. עדווארד פיצראי. די לייבאריטען, אונטער דער פיהרערשאפט פון ארטור הענדערסאן, זענען געזעסען אין דער אפאזיציע, און פון דער ערשטער מינוט אן וואס דער פארלאמענט איז דערעפענט געווארען, איז א מארנע אומרוהיגקייט ארויסגעוויזען געווארען אין די רייען פון די ארבייטער דעפוטאטען.

ווען דער פרעמיער, רעמזי מעקדאנאלד, איז אנגעקומען, איז ער אויפגענומען געווארען מיט באגייסטערונג פון די קאנסערוואטיווען, אבער דערפאר האבען די לייבאריטען אינגאנצען געשוויגען.

איבערגעבענדיג פאר'ן פארלאמענט די גאנצע סיטואציע וועלכע האט געבראכט צו פאררופען די ספעציעלע פארלאמענטארישע סעסיע, האט דער פרעמיער באקאנטגעמאכט, אז ער האט באשלאסען צו שניידען זיין אייגענעם געהאלט אויף $5,000 א יאר. ער האט אויך באקאנטגעמאכט אז די רעגירונג וועט העכערען די שטייערען אויף טיי, טאבאק, ביער און אנדערע געטראנקען.

דער פרעמיער איז פארשריען געווארען פון זיינע פריהערדיגע קאלעגן ווען ער האט זיך אויפגעשטעלט צו ריידען, און ער איז איינמאל אפילו געקומען אין א ווערטערליכען צוזאמענשטויס מיט דעם פיהרער פון דער אפאזיציע, ארטור הענדערסאן.

דער פארלאמענט איז געווען ממש איבערגעפאקט פון זייטיגע באזוכער. די גאסען ארום זענען אויך געווען באלאגערט פון נייגעריגע מענשען דעם גאנצען פארנאכט וואס דער פארלאמענט איז געווען פארזאמעלט.

אמעריקאנער אידישער פילאנטראפ צופרידען מיט רוסלאנד

מאסקווע, סעפט. 8, (איטא).

סעמועל לאמפארט, א ניו יארקער אידישער פילאנטראפ, וועלכער געפינט זיך איצט אין רוסלאנד, האט פאר א פארטרעטער פון דער ,,איטא'' דערקלערט, אז ער געפינט די אידישע לאגע אין סאוויעט־רוסלאנד פיעל בעסער ווי אין די מעהרסטע אייראפעאישע לענדער.

די דערפאלגרייכע פארווירקליכונג פון דעם פינף יאר פלאן, און די שנעלע ענטוויקלונג פונ'ם לאנד, זענען אפען פאר אידען, מיט די זעלבע גוטע אויסזיכטען ווי פאר דער גאנצער באפעלקערונג. די סאוויעט־רעגירונג איז ווירקליך דאס איינציגע לאנד וועלכע גיט פולע רעכט צו מינאריטעטען, האט ער געזאגט.

די אידישע באפעלקערונג און באזונדערס די אידישע יוגענט, מיט וועמען מר. לאמפארט האט גערעדט, זענען זעהר ענטוזיאסטיש.

איטאליע וויל באוואפנונג זאל אפגעשטעלט ווערען

זשענעווא, סעפט. 8.

דער איטאליענישער אויסערן מיניסטער, דינא גראנדי, האט ביי דער היינטיגער זיצונג פון דער פעלקער־ליגע אסעמבלי, פארגעשלאגען אז אלע לענדער וועלכע וועלען זיך באטייליגען אין דער קומענדער אנטוואפנונגס קאנפערענץ פון פעברואר 1932, זאלען איצט שוין דערקלערען צווישען זיך א שטילשטאנד פון באוואפנונגען.

זיין פארשלאג איז באזונדערס וויכטיג, ווייל איטאליע און פראנקרייך האבען זיך דאך נאך ניט געאייניגט וועגען אפשטעלען דעם געיעג וואס זיי האבען אנגעהויבען איינער געגען אנדערען אין באוואפענען זיך.

א דערקלערונג

מענשען, אין וועמענס אינטערעסען עס איז צו פארלוימדען דעם "אידישען זשורנאל", פארשפרייטען קלאנגען, אז דער "זשורנאל" ווייזט צוריק אנאנסען און דערקלערונגען פון דעם צווייטען צד אין דעם יעצטיגען סכסוך אין שטאדט בנוגע שחיטת עופות. און דעם שוחטים סטרייק.

מיר דערקלערען עפענטליך, אז דאס איז ניט אמת. ביז יעצט האט דער "זשורנאל" ניט צוריקגעוויזען קיין אנאנס פון וועלכען עס איז צד.

די פערוואלטונג.

2 אמעריקאנער לופטפליער לאזען זיך ארויס פון יאפאן נאך אמעריקע

טאקיא, יאפאן, סעפט. 8.

צוויי אמעריקאנער יונגעלייט, דאן מאיל פון לאס־אנדזשעלעס, און סיסיל א. עללען, האבען זיך היינט ארויסגעלאזען אין א סעקאנד־הענד עראפלאן אויף א ,,נאן־סטאפ'' פליהדרייזע פון טאקיא נאך סיאטעל, אמעריקע. אויב עס וועט זיי געלינגען צו ,,דורכשפאנען'' דעם גאנצען נארדישען פאסיפיק, וועלען זיי, אויסער כבוד, אויך באקומען א פריז פון 25 טויזענט דאלאר.

עס איז זיי פאראויסגעזאגט געווארען א רוהיגער וועטער אויף זייער וועג, מיט א שטילען ים. דער עראפלאן האט אפילו ניט קיין ראדיא.

אין סאן־פראנציסקא ווערט דער פליהער מאיל ארומגעזוכט פון דער פאליציי אויף א קלאגע אז ער האט געטריבען א קאר אין א שכור'ן צושטאנד.

לאנד-קויף געזעץ אין א"י ווידער אפגעלייגט

לאנדאן, סעפט. 8, (איטא).

דער געזעץ וועגען לאנד־פארקויף אין פאלעסטינע, וועלכער איז שעדליך פאר די אידען, און וועלכער האט היינט שוין געזאלט פארעפענטליכט ווערען, איז אין דער לעצטער מינוט ווידער אפגעלייגט געווארען אויף אן אונבאשטימטער צייט, נאך דעם ווי די אידישע אגענטור האט זיך אריינגעמישט.

די אגענטור האט פארלאנגט אז דער געזעץ זאל דערווייל נאך ניט פארעפענטליכט ווערען.

אידישער סטארקיפער אין סטראטפארד בארויבט

סטראטפארד, סעפט. 8.

דער גרויסער פוטערווארג געשעפט פון הערי שאפירא איז דא נעכטען פארטאג איינגעבראכען געווארען פון באנדיטען וועלכע האבען באוויזען צו אנטלויפען מיט פוטערווארג אין ווערט פון 1,000 דאלאר.

א דאנק דער פעהיגקייט פון דער פאליציי איז געלונגען שנעל צו אפזוכען די גע'גנב'עטע פוטערווארג, אבער די גנבים גופא זענען ניט געפונען געווארען.

די פאליציי האט פונדעסטוועגען ארעסטירט אויף'ן חשד דעם טאראנטאר יונגערמאן מייקעל סיקארד, אין פארבינדונג מיט אן אנדער גנבה.

אידען אין כינע ליידען פון פארפלייצונג

באנקאו, כינע, סעפט. 8, (איטא).

די פארפלייצונגען וואס זענען לעצטענס פארגעקומען אין כינע, האבען אויך שטארק געטראפען דעם יונגען אידישען ישוב. די אידישע קרעמער און הענדלער האבען פארלוירען זייערע סחורות און פארמעגענס. זיי האבען ערשט לעצטענס זיך אנגעהויבען שטעלען אויף די פיס, ווייל אידען וואנדערען אהן אויפהער אויס פון כארבין נאך שאנכאי.

,,ציישא'' לערער אין ווארשע דעמאנסטרירען

ווארשע, סעפט. 8, (איטא).

2,100 שול־קינדער פון דער ,,ציישא'', 120 לערער און 500 עלטערען האבען היינט דעמאנסטרירט איבער די אידישע גאסען טראגענדיג צוואנציג באנערס, פאדערענדיג פון דער רעגירונג א סובסידיע פאר די אידישע (ניט העברייאישע) שולען, און מאלצייטען פאר די שילער.

די דעמאנסטראציע איז אפגעגאנגען רוהיג.

איינער פון די דריי הויפט אקטיארען פון דער סטענדערד טעאטער טרופע שוין אנגעקומען

א זעהר ווארימע אויפנאהמע פון דעם מענעדזשמענט און אנגעשטעלטע פון סטענדערד טעאטער האט נעכטען באקומען דער פראמינענטער אקטיאר און רעזשיסאר וואלף גאלדפאדען.

מר. עקסלער, דער אייגענטימער פון טעאטער; מר. שאר, דער קאסירער, און אלע אנגעשטעלטע פון טעאטער, האבען באגעגענט מר. גאלדפאדען ביים סטיישאן, און איהם געבראכט אין טעאטער.

מר. גאלדפאדען, וועלכער איז דער רעזשיסאר און ביהנע דירעקטאר פון דער נייער טרופע, איז איינער פון די ,,גרויסע דריי'', גאלדפאדען, דובינסקי און מעיסיימאן, וועלכע שטעהען אין דער שפיץ פון דער סטענדערד טעאטער טרופע, האט ניט פארלוירען קיין מינוט נאך זיין אנקומען אין טאראנטא, און האט זיך גענומען פאר דער פארבארייטונגס ארבייט צו דער דערעפענונג פון טעאטער.

באזוכענדיג די רעדאקציע פון ,,זשורנאל'' האט מר. גאלדפאדען דערקלעהרט, אז די טרופע וועלכע קומט אין טאראנטא, קומט מיט'ן אויפריכטיגען ווילען, מיט א סך ענערגיע, און איבערהויפט מיט א וואונדערבארען רעפערטואר צו שפילען אידיש טעאטער אין טאראנטא, אזוי אז ניט נאר וועט דער טעאטער עולם זיין צופרידען, נאר דערהויבען דעם סטענדערד טעאטער צו יענער שטופע אויף וועלכער ער דארף שטעהן אלס אידישער טעאטער אין טאראנטא.

,,די טעאטער געהער וועלכע האבען געזעהן מיך און מיין קאלעגע יודעל דובינסקי שפילען, ווען מיר זענען אין טאראנטע געווען מיט דער טרופע פון ניו יארקער קונסט טעאטער סוף פון לעצטען סעזאן'', האט מר. גאלדפאדען געזאגט, ,,וויל איך פארזיכערען, אז מיר וועלען שפילען אין טאראנטא פונקט אזוי ווי מיר האבען געשפילט אין קונסט טעאטער. מיר האפען צו געווינען דעם פאלשטענדיגען צוטרויען פון די טאראנטאר אידען, און מיר ווילען דעם צוטרויען פארדינען''.

הערבערט הואווער, לויבט די אידען אין זיין נייער מעסעדזש

ניו יארק, סעפט. 8.

אין פארבינדונג מיט דעם אנקומענדיגען אידישען נייעם יאר האט דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, הערבערט הואווער, צוגעשיקט א ,,מעסעדזש'' צו די אידען פון אמעריקע, לויבענדיג שטארק דעם אידישען אידעאליזם און דעם אידישען בייטראג פאר דעם וואוילזיין פון דער וועלט.

גאווערנאר רוזוועלט פון ניו יארק סטייט, און דער ליוטענאנט־גאווערנאר הערבערט לעהמאן, האבען אויך צוגעשיקט מעסעדזשעס אין וועלכע זיי לויבען די אידישע אויפטואונגען און דערגרייכונגען.

,,אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פון יארהונדערטע ביז אונזער היינטיגער צייט, האבען די אידישע בייטראגען אויף דעם געביט פון קונסט, ביזנעס, פראפעסיעס, פילאנטראפיע, און איבער אלעם, די עוואלוציע פון דעם ספיריטועלען לעבען פון דער מענשהייט, באוויזען וואונדערבארע דערגרייכונגען.

רוזוועלט און לעהמאן שטעלען זיך אויך אפ אין זייערע מעסעדזשעס צו דערמאנען אז די אידען אין אמעריקע לעבט זיך, גליקליכערווייז, בעסער ווי ערגעץ אנדערש, און אז די אידען זענען א שטאלץ פאר אמעריקע.

רעבעלען-אויפשטאנד אין טשילי שוין אונטערדריקט

סאנטיאגא, טשילי, סעפט. 8.

דער אויפשטאנד פון דער רעבעלירענדער נייווי אין טשילי, איז שוין פולשטענדיג אונטערדריקט געווארען, לויט ווי עס איז אפיציעל באקאנט געמאכט געווארען פון דער רעגירונג. די רעבעלען האבען זיך אונטערגעגעבען נאכדעם ווי זיי זענען ארומגערינגעלט געווארען פון דער רעגירונגס פוס־מיליטער און רעגירונגס געפאנצערטע עראפלאנען.

אן אפיציעלער בולעטין וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון גענעראל ווערגארא לויטעט, אז א צאהל קריעגס־שיפען וועלכע זענען געהאט פארכאפט געווארען פון די רעבעלען זענען שוין צוריק אין די הענט פון דער רעגירונג, און זיי זענען געאנקערט געווארען אין דער שטאדט טאנגאי, עטליכע מייל פון קאקימבא.

באראה זאגט רייכע מוזען אויסהאלטען די ארימע

קאטאנוואוד, איידאהא, סעפט. 8.

דער פראגרעסיווער סענאטאר פון די פאראייניגטע שטאטען, וויליאם ע. באראה, האט אין זיינער א רעדע וואס ער האט דא געהאלטען דערקלערט, אז ,,די רייכע פון לאנד מוזען אויסהאלטען די ארבייטסלאזע אין פארלויף פון דעם קומענדען ווינטער, סיי אויב זיי ווילען עס טאן פרייוויליג, אדער ניט''.

באשולדיגענדיג די רעגירונג פאר דער פאראנטווארטליכקייט פון דער וועלט מלחמה וועלכעס האט געבראכט צו דעם אז די גאנצע עקאנאמישע סיסטעם פון צוויי יאר־הונדערטע זאל צוזאמענגעבראכען ווערען, האט דער סענאטאר דערקלעהרט, אז עס איז דער חוב פון די רעגירונגען צו טאן זייער פליכט פאר די ליידענדע, און ער האט פארגעשלאגען, אז די רעגירונג זאל העכערען דעם שטייער אויף רייכע און דערמיט העלפען די ארימע.

האבען גענומען כאבאר פון אידען

בוענאס איירעס, סעפט. 8, (איטא).

דער הויפט געהיים אגענט פון דער לאפאז'ער פאליציי, און זיין סעקרעטאר, זענען היינט סוספענדירט און ארעסטירט געווארען אויף קלאגען אז זיי האבען גענומען כאבאר פון אידען. אלע קלאגען געגען די אידען זענען סוספענדירט געווארען.

מאן ווערט פארברענט אויף קויל ווען גאראדזש צינדט זיך אונטער

מעטטיו ס. הענאן, פון 207 האי־פארק עוועניו, איז היינט געשטארבען אין סט. דזשאזעפ'ס האספיטאל, נאכדעם ווי ער איז אהין צוגענומען געווארען, ליידענדיג פון שווערע בראנד־וואונדען וואס ער האט באקומען ווען ער איז געפונען געווארן מיט ברענענדיגע קליידער ניט ווייט פון זיין גאראדזש, וועלכער איז געווען אינגאנצען אין פייער.

א. לי, פון מאיר סטריט, און ה. הארט, פון סט. קלעיר עוועניו, זענען געווען די ערשטע וועלכע האבען דערזעהן די פאסירונג, און זיי האבען אוועקגעשלעפט הענאנ'ען פונ'ם פייער און גלייך גערופען א דאקטאר און פייערלייט.

ווען די צוויי מענער האבען איהם געשלעפט, האט ער כסדר געשריען: ,,לאזט מיך שטארבען!'', ,,לאזט מיך שטארבען!''.

מען גלויבט אז מר. הענאן האט געהאלטען און אריינגיסען גזאלין אינ'ם טענק פון זיין קאר, ווען דער אויפרייס האט פאסירט. די קאר און דער גאראדזש זענען געווען אינגאנצען צושמעטערט. די גאנצע קליידער אויף איהם, אויסער די שיך זענען געווען צוברענט.

ער איז געווען פארבונדען מיט די דראגס און ראבער ארטיקלען, און איז געווען זעהר פאפולער.

זיין פאמיליע איז ניט געווען אין דער היים בעת דעם עקסידענט.

קאמוניסטען זוכען צו בונטעווען שפאנישע מאסען

מאדריד, סעפט. 8.

די פאליציי, צוזאמען מיט דער ציווילער וואך האט אונטערדריקט צוויי באזונדערע פארזוכען פון קאמוניסטען צו אויפהעצען די באפעלקערונג.

21 קאמוניסטען זענען ארעסטירט געווארען נאך א דעמאנסטראציע געגען דעם וואס א מאסען־פארזאמלונג פון קאמוניסטען אינ'ם אמאקא סינעמא טעאטער איז אונטערדריקט געווארען. די דעמאנסטראנטען האבען עטליכע מאל אויסגעשאסען און געשריען ,,ארונטער מיט דער רעפובליק''. עטליכע פון די דעמאנסטראנטען זענען אנטלאפען צו באהאלטען זיך אין א דערבייאיגען האספיטאל, און מען האט זיי געמוזט ארויסשלעפען פאר די פיס.

א צווייטען מאל זענען 8 קאמוניסטען ארעסטירט געווארען פאר טראגען געוועהר ביי זיך.

פאליציי ארעסטירט סטרייקערס אין האוואנא

האוואנא, קובא, סעפט. 8.

די פאליציי האט ארעסטירט 40 סטרייקענדע סטריט־קאר קאנדוקטארען אויף א קלאגע אז זיי האבען געזוכט צו שטערען די אנשטרענגונגען פון דער קאמפאניע צו שליכטען דעם סטרייק.

15 דער'הרג'עט לעבען ווילנע

בערלין, סעפט. 8.

א באריכט צו דער ,,פאלקס צייטונג'' פון ווארשע מעלדעט, אז 15 פערזאן זענען געטויט געווארען און 10 זענען ערנסט פארוואונדעט געווארען, ווען א קלויסטער אינ'ם דערפעל קאלעטי, לעבען ווילנע, האט צוזאמענגעקראכט, פונקט אין מיטען פון גאטעסדינסט.

דריי אידען ארעסטירט אין ניו יארק אלס שמוגלער

ניו יארק, סעפט. 8.

דריי אידען זענען דא היינט ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג, אז זיי האבען אריבערגעשמוגעלט אימיגראנטען פון קאנאדע און פון מעקסיקא נאך די פאראייניגטע שטאטען.

די דריי ארעסטירטע אידען זענען: יוסף קאגאן (א קענעדער); בען פרידלאנדער, אן אמעריקאנער לאיער, און ס. א. טילינגהאסט.

די דאזיגע דריי ארעסטען זענען א רעזולטאט פון א באנייטען קאמפיין געגען שמוגלעריי פון אויסלענדער, וועלכער איז אין פארלויף פון די לעצטע טעג ווידער אנגעהויבען געווארען.

400 קאנאדער מיינערס אין סטרייק

רידזשיינא, סאסק, סעפט. 8.

400 מיינערס אינ'ם סאסקאשיווארנער קוילען געגענט זענען היינט ארויס אין סטרייק; און 8 מינעס זענען דעריבער געשלאסען געווארען.

דער סטרייק, זאגט מען, איז א רעזולטאט פון קאמוניסטישער אגיטאציע.

N. Y. Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK N. Y.

רומענישער קעניג קאראל רופט ליבעראלען פירער צו ווערען פרעמיער

דער איצטיגער פרעמיער יארגא וועט ווארשיינליך באלד רעזיגנירען, און דער ליבעראלער פיהרער דוקא וועט ווערען פרעמיער. — דוקא לויבט די רומענישע אידען און זאגט, אז אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס וועלען פון איהם אונטערדריקט ווערען.

בוקארעסט, סעפט. 8, (איטא).

עס ווייזט שוין יעצט אויס זיכער, אז דוקא, דער פיהרער פון דער נאציאנאל־ליבעראלער (שאוויניסטישער) פארטיי אין רומעניע, וועט ווערען פרעמיער פון לאנד. וועגען דעם האט מען שוין גערעדט עטליכע וואכען נאכאנאנד.

נעכטען האט דער קעניג געהאט אן אודיענץ מיט'ן פרעמיער יארגא, און נאך דער דאזיגער אודיענץ איז דוקא תיכף ארויסגערופען געווארען פון בעסאראביע, און ער וועט האבען אן אודיענץ מיט'ן קעניג מיטוואך (היינט).

פאמפיאו, דער פארזיצער פון פארלאמענט, איז ארויסגערופען געווארען טעלעגראפיש פון אויסלאנד, און ער וועט האבען אן אודיענץ מיט'ן קעניג דאנערשטאג.

צו א פארטרעטער פון דער אידישער צייטונג ,,אונזער צייט'' האט דוקא דערקלעהרט, אז די אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס ,,די אייזערנע וואך'', ,,ארכאנגעל'' און די מייקעל קריסטשען ליגע, זענען שעדליך פאר'ן לאנד, און ער האט פארזיכערט אז ער וועט זיי אונטערדריקען.

,,די אידען זענען א וויכטיגער עלעמענט פונ'ם רומענישען פאלק'', האט ער געזאגט. ,,זיי זענען לאיאל צום שטאט, און זיי דארפען געניסען פון אלע מינאריטעטען רעכט''. ער האט דערביי צוגעגעבען, אז די ליבעראלען פיהרען אן פארהאנדלונגען מיט דער אידישער פארטיי, און די רעזולטאטען וועלען אין גיכען באקאנט ווערען.

טיפ-טאפ עראפלאנען געיעג נעכטען געשפרעך פון טאג

אין די אנטעריאר לופט־פליהערישע קרייזען איז נעכטען געווען דער געשפרעך פון טאג, ,,די טיפ טאפ עיר דורבי'' אדער דער געיעג פון עראפלאנען איבער אנטעריא, וואס איז ארגאנזשירט געווארען פון דער טיפ טאפ פירמע, פון וועלכער דער באקאנטער אידישער עסקן דוד דונקעלמאן, איז דער פרעזידענט.

פיער פריזען זענען באשטימט געווארען פאר די געווינער, און דעם ערשטען פריז האט געוואונען דער לופט־פליהער וו. נ. מילער פון פיטערבארא. דעם צווייטען פריז האט געוואונען דער לופט־פליהער דרורי, דעם דריטען פריז האט געוואונען א. בריסקא, און דעם פערטען פריז דער לופט־פליהער אוירווין.

דער עראפלאנען־געיעג איז באשטימט געווארען צו געמאכט ווערען איבער אנטעריא מיט דעם טאראנטאר עקזיבישאן אלס אפשטעל־פונקט.

מעטראפאליטען באאמטער געשטארבען

פאריז, סעפט. 8.

ארטשיבאלד פ. פיסק, פון ניו יארק, צווייטער וויצע־פרעזידענט פון דער מעטראפאליטען לייף אינשורענס קאמפ., און וועלכער איז געווען מענעדזשער פון דער דאזיגער פירמע אין קענעדע, איז דא געשטארבען נאך א קורצע קראנקהייט.

פרוי טויטעט מאן און באגעהט זעלבסטמארד

העי לעיקס, אלבערטא, סעפט. 8.

נאכדעם ווי זי האט דערשאסען איהר מאן, הערי ווילליסקא, האט זיין פרוי ראזע, איינגענומען א ראזע סם, און ביידע זענען שוין טויט. זיי זענען די רייכסטע פאמיליע אינ'ם געגענט און האבען 10 קינדער.

ווארום זי האט איהם געשאסען איז ניט באקאנט.

בלויז ביז דאנערשטאג

4 אזייגער פארנאכט

וועלען אנגענומען ווערען שנה טובה ווינשונגען פאר'ן ערב ראש השנה נומער.

פארשפעטיגט ניט.

דער ערב ראש השנה ,,זשורנאל'' וועט געלייענט ווערען נאהענט און ווייט, פון אלע אידען און אויסער קענערע.

זעהט אז אייער נאמען זאל זיין אין דעם ערב ראש השנה נומער פון ,,זשורנאל''.

אונטערוועלט

שפאנענדער ראמאן פון שטענדיגען קאמף צווישען פארברעכער און געזעץ.

— פון —
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען)

(פאָרזעצונג)

די מוטער איז ארויס צוגריטען פאר איהם עפעס עסען. ליגא איז געלעגן אויפ'ן בעטעל מיט האלב-פארמאכטע אויגען. זיין הארץ האט נאך אלץ שטארק געקלאפט און זיין ברוסט האט זיך שנעל געהויבען אראפ און ארויף. ער איז נאך קיינמאל פריהער ניט געווען אין אזא געפאהר ווי ערשט מיט עטליכע מינוט פריהער. דא, האט ער געפיהלט, איז ער זיכער, אבער ניט אויף לאנג. די ברינע אויגען וועלען שפירען די גאס, וועלען האלטען אן אויג אויף איהם. ניין, ער טאר דא לאנג ניט בלייבען. ער מוז, די ערשטע זאך, זיך לאזען וואקסען די בארד.

א ווייל שפעטער, ווען מא יוזעפא איז אריינגעקומען צוריק מיט א טאץ עסען, האט ליגא שוין געהאט אלץ אויסגעפלאנט.

— מא, איך מוז אוועק פון דאנען.
— האט ער געזאגט צו איהר.

— אוועק? — האט זי געזאגט — וואו וועסטו געהן?

— איך וויים ניט. אבער דא טאר איך ניט זיין.

— און ווי אזוי וועסטו ארויס פון דאנען?

— איך וועל דיר אנשרייבען עטליכע ווערטער צו מיין פריינט שארפ פיים בלעקי. ער וועט אלץ פאר מיר באזארגען.

— אלרייט. ווען זאל איך געהן צו איהם?

— מארגען, מארגען פריה. וועסט מיטנעהמען געלט. גענוג געלט. פארשטעהסט. איך וויל א מאשין, אן אלטע, און קליידער פון א גאראדזש-מאן, ווי אן ארבייטער. פארשטעהסט?

— שור.

— אלרייט. איצט לאז מיך שלאפען ביז אין דער פריה.

— גוט נאיט, זוהן.

— גוט נאיט, מא.

— פארוואס ניט זאגען דיינע "פרייערס", ליגא.

— שור, מא...

די אלטע איז ארויס. ליגא האט אויסגעלאשען דאס לעמפעל און האט זיך אומגעדרעהט מיט'ן קאפ צו דער פייכטער וואנט. אין א מינוט ארום האט ער שוין געכראפעט מיט דער רעגעלמעסיגקייט פון א מענשען, וועלכער האט דעם ריינסטען געוויסען אויף דער וועלט.

ווי לאנג ער איז געשלאפען, האט ער ניט געקענט וויסען, ווייל ווען ער האט געעפענט די אויגען, איז אין שטיבעל געווען שטארק פינסטער. אזוי ווי אין מיטען נאכט. קיין שטראל איז אהין ניט צוגעקומען פון דרויסען.

ליגא האט זיך אויסגעצויגען אויף זיין בעטעל. ער האט געריבען די אויגען און דעם שטערען, אזוי ווי ער וואלט געוואלט זיך דערמאנען, וואס מיט איהם טוט זיך און וואו ער געפינט זיך איצט. ער האט זיך ביסלאכווייז אנגעהויבען דערמאנען.

הייסט ער, האט ער געטראכט, ווידער ביים אנהויב... און ווען? — אט איצט, ווען ער האט געדענקט, אז ער איז שוין אויפ'ן סאמע פערד...

אז עס געהט ניט, האט ער געטראכט, קען מען קיין חכם ניט זיין...

ער האט זיך דערמאנט ווי עלענד ער איז געווען, ווען ער איז געקומען אהער מיט עטליכע יאהר צוריק, אן אנטלאפענער, א געיאגטער, מיט בלויז א רעוואלווער אין קעשענע. ער האט זיך דערמאנט די צייט, וואס ער האט געמוזט טאן פארשיידענע שמוציגע ארבייטען פאר פעטריק'ן. פעטריק איז געווען זיין באלעבאס.

דערנאך... ווי ער האט פעטריק'ן ארונטערגעווארפען און איז אליין געווארען דער פיהרער פון דער גענג... ער האט געשמייכעלט צו זיך אליין ווען ער האט זיך דערמאנט ווי אזוי ער האט געפיהרט די "גרענדע" און דעם כבוד וואס דער עולם האט איהם אפגעגעבען ביים באנקעט.

זיין פנים האט זיך פארוואלקענט און זיינע הענט האבען זיך צונויפגעליגט אין פויסטען. ער האט זיך דערמאנט אן מעקסי'ן און אן דער שיינינגער דארע. ער האט א שפיי געטאן מיט כעס, אליין ניט וויסענדיג, צי דער כעס איז פאר מעקסי'ן אדער פאר זיין געליבטער.

אין דער אמת'ן איז ליגא געווען אין כעס אויף זיך אליין. ער האט געפיהלט, אז קיינער איז ניט שולדיג אין זיינע צרות ווי ער אליין. און אז אלע צרות האבען זיך אויף איהם גענומען זינט ער האט דערזעהן דארע'ס שעהן פנים.

וואס איז מיט איהם געווארען? ער האט זיך דאך אלע מאל געהיט פאר פרויען ווי פאר פייער. אזוי ווי דאס הארץ וואלט איהם געזאגט, אז סוף כל סוף וועט ער, צוליעב א מיידעל, אריינפאלען.

אבער אויף זיך אליין האט ער לאנג ניט געקענט זיין אין כעס, און ער האט זיין צארן אויסגעלאזט צו מאקס'ען.

א, ווען ער וואלט איהם איצט געהאט ביי דער האנט, מאקס'ען... ער וואלט שוין לעבעדיג פון זיינע הענט ניט ארויס...

איצט איז ער געווען זיכער, אז אלע צרות אויף איהם און אויף אלע זיינע קאמעראדען האט זיך גענומען דורך מקס'ען.

זיכער איז דאס אזוי, האט ער געטראכט. מאקס איז אריינגעפאלען אין די הענט פון דער פאליציי, און ער האט זיי אלעמען פארראטען.

דעם איט... האט ער געשאלטען מיט קריצענדיגע ציין. ווען יענע הינט וואלטען זיך געווען פארשפעטיגט כאטש אויף איינע פינף מינוט, וואלטען זיי מאקס'ען שוין געפונען א טויטען, און דאמאלסט — זאלען זיי ארויסקריגען סודות פון א טויטען...

אזוי איז ליגא געלעגן און האט זיך געערגערט און זיך אליין געשאלטען מיט טויטע קללות, ביז ער האט דערהערט טריט ביי זיין טיר. —

ליגא האט שנעל א שפרונג געטאן פון זיין בעטעל, א כאפענדיג דעם רעוואלווער אין זיין האנט.

— ווער איז? — האט ער געפרעגט שטיל און הארט.

— שרעק זיך ניט, דאס ביז איך — האט ער דערהערט מא יוזעפא'ס קול. ליגא האט זיך בארוהיגט און האט אפגעלאזט דעם רעוואלווער.

(ווייטערס קומט)

אקאונט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל-צייט, אדער אודיטען זיי, פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. נאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט W 7504.

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

לאיערס דזש. דזש. גלעס און אי פ. דיקלער

— פון —
גלעס, דיקלער און קא.
רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו-פראקטיק
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

MODERN Photo STUDIO

ס. שליאכטער
פאטאגראפער

452 קווין סטריט, וועסט
טריניטי 6569

די גרעסטע איינציגע אידישע ערשט-קלאסיגע פאטאגראפיע פאר די לעצטע 15 יאהר, וועלכע ווערט פאטראניזט פון אלע קלאסען אידען, ווייל אונזער ארבייט איז גאראנטירט.

ארדערט אייערע לשנה טובה'ס אין צייט. צו יעדען ארדער א בילד געמאכט פריי.

ספעציעל געמאכט חתן-כלה בילדער און גרופעס נאך דער לעצטער מאדע.

אויך האבען מיר ווילס פאר בלות צוגעפאסט צו יעדער איינער.

קומט אנקוקען דעם

„וועלש בלאוער"



שפארט אייך געלט, צייט און קוילען באווארימט אויטאמאטיש אייער הויז איז פולשטענדיג גאראנטירט.

פרייע סורוויס. לייכטע באדינגונגען

וועלש בלאוער און סטאקער קא.
באנק אוו נאווא סקאשיא בילדינג
דאנדעס און ספעדיינע
טריניטי 2436.

א. ווייט, סיילס מענעדזשער.

דער "וועלש בלאוער" צאלט פאר זיך אליין

אונזער טרייסט

מיר, די מיטגלידער פון דער אסטראווצער שוהל
שיקען אונזער הארציגע טרייסט צו אונזערע מיטגלידער
מרים, חנה און אברהם אליעזר סינגער און פאמיליע
און צו די סינגער פאמיליעס
אויף דעם שווערען פארלוסט פון זייער זוהן, מאן און ברודער
יצחק סינגער ע"ה

נעהמט אן אונזער טרייסט און עס זאל שוין מעהר ניט זיין קיין צער אין אייער פאמיליע.

זאל זיין בלע המות לנצח.

ישראל וויינבערג,
פרעזידענט.
פ. שערמאן, סעקרעטאר.

ראבקינ'ס פארסעל אײדזשענסי

וועלכער האט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד שיקט
שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד פריי אהן דיוטי

100 פראצענט גאראנטיע, שנעלע צושטעלונג אין ארדנונג, נייער אויסוואל פון עסען זאכען און זייף. די ביליגסטע פרייזען אין קאנאדע.
ארדערס ווערען אנגענומען אין זיין אפיס:
309 ספעדיינע עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1431.
און אין זיין וואוינונג,
172 פאלמערסטאן
ארום דאנדעס.
טעלעפאן טריניטי 5959.
אלע טאג אין וואך.
קומט, שרייבט, טעלעפאנירט

צו פאררענטען

צו פארענטען א 2 סטארי בריק בילדינג, 34 ביי 16, אלע קאנוויניענס, קאנקריט פלאר, דריינס, עלעקטריק, גאז, לעוועטארי, פאסיג פאר יעדער סארט ביזנעס, ביליג רענט. פרעגען טריניטי 6573, מר. סיגעל.
6457-9-11)

צו פארענטען א הויז מיט א גאראדזש אין דער איסט, ביליג רענט. פרעגען פאר דעם שליסעל אין 35 בעלוויו עוו.
6798-9-9)

צו פארענטען 2 רומס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, גאראדזש, אויב נויטיג. 43 ראשהאלם דרייוו, טעל. לאידברוק 9272.
6799-9-11)

צו פארענטען 2 גרויסע רומס, הארדוואוד פלארס, סטים היט, באלקאני. פרעגען 132 פאלמערסטאן עוו. טעלעפאן טריניטי W 3529.
6906-9-9)

צו פארקויפען א 7 רומיגע הויז. ניי דעקארירט. 270 מיידזשאר סט.
6918-9-10)

צו פארענטען א 7 רומיגע הויז פאר $45 א מאנאט, ניי דעקארירט, יעצט ליידיג. 270 מיידזשאר סט.
6916-9-10)

צו פארענטען 2 רומס, סינק אין קיטשען מיט א ברעטעל, שעהן ניי דעקארירט, הארדוואוד פלארס, עלעקטריק, טעלעפאן, ווינדע בליינדס. 35 קענזינגטאן עוו. טריניטי 2615.
6922-9-10)

צו פארענטע' 3 אדער 4 רומס, די לייטעסט קאנוויניענס, טעלעפאן צו נוצען פרעגען 422 ראקסטאן ראוד, נעבען הארבארד.
6927)

צו פארענטען איסטאר, 562 קווין סטריט וועסט, פאסיג פאר א שוה סטאר פרעגען 560 קווין וועסט.
6912-9-10)

צו פארענטען 2 שעהנע רומס, אלע קאנוויניענס, סאן רום, טעלעפאן צום נוצען. יעצט ליידיג. 378 ראקסטאן ראוד.
6920)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, הארדוואוד פלארס, סטים היט סעפרעט אריינגאנג. מעסיגע רענט, ניי דעקארירט. 596 מארקהאם סטריט.
6928-9-11)

צו פארענטען 2 שעהנע רומס און סאן רום, סינק אין קיטשען. אלע קאנוויניענס, גאראדזש אויב נויטיג. פאסיג פאר א קאפעל. פרעגען 148 ביטרים סט.
6913-9-14)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס, הארדוואוד פלארס, פייער פליים, סינק אין קיטשען. 671 יוקליד עוו. טעלעפאן מעלראוז 5975.
6929-9-9-11)

גוטע נייעס צו א גוט יאהר

א גוטער סעלעקשאן פון שעהנע נייע ווארעס פון אלע סארטען ענגלישע קוואליטיס, לייטעסט דעזיינס.

ספעשעל פאר טוריסטען האבען מיר געמאכט זעהר פיינע קאסטאמער סוטס, גלייך אנצוטאן. די ווערט יעצט פון אזא סוט איז $45, מיר רעכענען אייך כמעט ווי א רעדי מייד סוט. סייזעס 38 ביז 40 גרויסע בארגיינס. קומט און איבערצייגט אייך.

ארדערט אייערע סוטס און קאוטס ביי צוויקעל, 606 דאנדעס סט. וועסט.
5953-9-9)

אויפמערקזאם!

צו דער אידישער באפעלקערונג פון וועסט און באטהורסט

די באוואוסטע אידיש-העברייאישע שוהלע, וועלכע דער פריה-פארשטארבענער לעהרער

חיים לובעטסקי ע"ה

האט מיט גרויס פעהיגקייט אנגעפירט, וועט אויף ווייטער פארגעזעצט ווערען דורך א פעהיגען פעדאגאג, א גראדואירטער פון **ר' יצחק אלחנן ישיבה**

מר. מאוזנער

אויפ'ן זעלבען פלאץ
199 גרייס סטריט

די פראגראם איז אידיש-נאציאנאל-רעליגיעזע, און עס וועט נאכגעפאלגט ווערען די זעלבע מעטאדען ווי בעפאר, דורך געבען דער אידישער יוגענט: —

העברייאיש לעזען און שרייבען.
אידיש לעזען און שרייבען.
אידישע געשיכטע.
תרגומי תפילות.
חומש און רשי.
תנך.
קריאת הטעמים.

אידישע ימים טובים וועלען געפייערט ווערען און אן אמת אידיש-נאציאנאלע ערציהונג צו דערנעהענטערען די קינדער צו זייערע עלטערען און צו זייער פאלק און טראדיציע.

אכטונגספאל,
מרס. לובעטסקי.

צו פארקויפען

צו פארקויפען א גוט געהענדען רעסטאראן און דעליקאטעסען, גוטער געגענד און גוטע איינגאמע. אורזאכע פארטנערשיפ. קינגסדייל 9832.
6794-9-9)

צו פארקויפען א העפי טאט סטאוו. פרעגען 251 פאלמערסטאן עוו.
6473-9-9)

צו פארקויפען א סטאר מיט 7 רומס קווין וועסט, באטהורסט בלאק. פרעגען 270 מיידזשאר סטריט.
6917-9-10)

א זעלטענע געלעגענהייט אפצוקויפען א פארטיגען פלענט מאשינערי, גוט פאר מאנופעקטשורינג אלערליי ליינס, ביליג רענט, גוטער פייער פרוף בילדינג, אייגענטימער פאראיינגט אין קאפיטאל, וועט פארקויפען פלענט מיט ביזנעס, אדער קאנסידערען א פארטנערשיפ, מוז עקטען שנעל. שרייבען "זשורנאל" באקס 630.
6926-9-10)

צו פארקויפען גוטע בעטגעוואנט, ריינע פוך. 225 ביטרים סטריט.
6924)

צו פארקויפען א גוטען העפי טאט סטאוו, ווייניג גענוצט. פרעגען 193 מארקהאם סט. טריניטי 3222.
516)

גרויסער בארגיין, מוז פארקויפט ווערען אן עסטאבלישד האנט לאנדרי און פרעסינג קלינינג, גוטער לאקיישאן. אורזאכע פארלאזט טאראנטא, טעלעפאן טריניטי 1073.
6925)

צו פארקויפען א נייעם סטאק מילינערי און לייטעסט פיקסטשורס. מוז פארקויפט ווערען. אורזאכע קראנקהייט. זעהר ביליג, סטאר און אפארטמענט פאר מעסיגע רענט, עסטאבלישטער פלאץ. 613 קאלעדזש סטריט.
6919-9-9-11)

פארלאנגט

פארלאנגט א יונגענמאן מיט ביזנעס פעהיגקייטען צו פארקויפען הויז-נוצליכע ארטיקלען, מוז קענען דרייווען א קאר. פרעגען 108 דאנדעסט סט. וועסט.
6800-9-9)

פארלאנגט אן עקספיריענסד דעזיינער אויף ליידים דרעסעס. עדעלייד 9706.
6908-9-9)

פארלאנגט עקספיריענסד סיילסליידי צו א קרעדיט סטאר פון ליידיס רעדי-טו-וועיר. פרעגען 514 קווין סטריט.
6915-9-11)

פארלאנגט אן עקספיריענסד פאר בלאקער. פרעגען 345 יוראן סטריט.
517)

פארלאנגט אן ארויסהעלפער פאר א שניידער, זאל קענען ארבייטען ביי האנט. פרעגען 1651 דאפערין סטריט.
518)

א יונגע דייטשע פרוי זוכט הויז ארבייט און קלינינג ביים טאג אדער וואך טעלעפאן עלגין 5466.
6923-9-10)

אן עקספיריענסד פיינטער און פייפערהענגער פארלאנגט ארבייט. איז גוט און ביליג. פרעגען 69 וואלטען סט.
6914)

א יונגע דייטשע פרוי זוכט הויז ארבייט. טריניטי M 6536.
6921)

HENRY S. ROSENBERG

בּאריסטער א. אז. וו.
געלט צו לייען
עדעלייד 1386.
702 פעדעראל בילדינג

איך האב געלט צו לייען אויף
מארטגעדזשעס
ערשטע, צווייטע און דריטע
CHAS. COBLENS
401 מענינג עוו.
טעלעפאן טריניטי 2205.
איך קויף אויך צווייטע מארטגעדזשעס

געלט
געשיקט אין אלע טיילען פון דער וועלט דורך
אנשעל ווייס
שנעל, ביליג, זיכער

שיפסקארטען פארקויפט אויף אלע ליניעס. פרייזען פון שיפסקארטען יעצט פיעל רעדוצירט. שפייז פעקלאך געשיקט קיין רוסלאנד.

A. WISE
148 DUNDAS ST. WEST
ADELAIDE 238-6973 5

נוצט אויס די געלעגענהייט!

$1

געוועהנליכע $1.50 ארבייט
גיבען מיר אייך אונזער
סוטס און ספרינג קאוטס געקלינט און געפרעסט פאר בלויז
מיט ל. וויט'ס גאראנטיע

פעלט העטס געקלינט און געבלאקט 75ס.

צוליעב דעם עקאנאמישען קריזיס האבען מיר רעדוצירט אונזערע פרייזען. נוצט אויס די געלעגענהייט.

טעלעפאנירט און מיר קומען. א העפליכער דרייווער וועט נעהמען אייערע קליידער און וועט זיי ברענגען אין בעסטער ארדנונג פונקט ווי ניי.

ל. וויט און סאנס, למד.

"די עלטסטע אידישע קלינער אין טאראנטא".
141—131 סט. פעטריק סטריט
ברענטש 31 קינג סט. אשאווא
טעלעפאן 3088.

טעל. עדעלייד
6111

באקאנטמאכונג

מיר שטעלען אריין
אלערליי סארטען פארנעסעס
אויך רעפיירען און מאכען מיר גרעוועל דעכער און רינוועס. מעטאל סילינגס און אלערליי בלעכער ארבייט. קעש אדער לייכטע אויסצאלונגען. צופרידענהייט גאראנטירט.
טעלעפאנירט טריניטי 6573
מר. סיגעל, 145 פאלמערסטאן עוועניו

דר. לואיס ס. לאקהארט

מאכט באקאנט, אז ער האט געעפענט א
דענטיסט אפיס
פאר אלגעמיינער פראקטיק פון דענטיסטרי, אויף
קארנער
קאלעדזש און מארקהאם
סטריטס
DR. LOUIS S. LOCKHART
טעלעפאן: טריניטי 6250
רעז.: טריניטי 6022.

קויפט ניט קיין קוילען ביז איר זעהט א

קארמאן „בלאוער"



"דער גאראנטירטער בלאוער"

נאך בלויז עטליכע טעג קענט איהר קריגען די ספעשעל זומער רידאקשאן און פרייע אינסטאליישאן. באזארגט איינעם פאר אייער פארנייס באלד, ווייל דער ראש הויבט זיך שוין אן.

צייט און קוילען עס פארזיכערט אייך די נויטיגע גלייכע ווארימקייט אין הויז.

טעלעפאנירט אונז און מיר וועלען עס דעמאנסטרירען
קארמאן אינזשינירינג קא.
81 פארטלאנד סטריט
טעלעפאן עלגין 1428 און עלגין 1429

דייוויד גאלדסטיק, ב.א.ס.

בּאריסטער א. אז. וו.
אנאנסירט אז ער האט איבערגעפירט זיין אפיס צו: —
318 פעדעראל בילדינג
85 ריטשמאנד סטריט וועסט, טאראנטא.
טעלעפאן עדעלייד 4196
פריוואטע פאנדס צו באקומען אויף ערשטע און צווייטע מארטגעידזשעס און פאר פרעלימינארי בילדער'ס לאונס.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

מענדעלסאן קריגט 500 דאלאר פון דזשארדזש יאנג

שייער מענדעלסאן, דער אידישער שווים אינסטרוקטאר, וועלכער האט געמאנט 10 פראצענט פון דזשארדזש יאנג'ס געווינס אין דעם עקסיבישאן מאראטאן, האט געסעטעלט מיט יאנג'ן אויסער'ן געריכט פאר 500 דאלאר.

נעכטען אין דער פריה האט יאנג אויסגעצאהלט מענדעלסאנ'ען די סומע, און ביידע זענען געבליבען צופרידען פון דעם אפמאך.

מענדעלסאן האט געמאנט א חלק אין יאנג'ס פארדינסט, לויט א קאנטראקט, וואס ער האט מיט יאנג'ען אונטערגעשריבען מיט קארגע צוויי יאהר צוריק, און וועלכער איז געווען גילטיג, ווי מענדעלסאן האט גע'טענה'ט, נאך א קורצע צייט.

פון צווייטען זייט האט מען אפילו דערקלערט, אז נאך יענעם קאנטראקט האט מענדעלסאן אפגעמאכט מיט יאנג'ן א צווייטען קאנטראקט, וואס האט אנולירט דעם ערשטען. דער צווייטער קאנטראקט ווידער, לויט וועלכען מענדעלסאן האט געזאלט באקומען גאנצע 30 פראצענט, פון יאנג'ס געווינסען איז שוין אויסגעגאנגען.

נאך האבען יאנג'ס פריינט אנגעוויזען, אז יאנג איז געווען א מינדעריאריגער, ווען ער האט דעם קאנטראקט אונטערגעשריבען, און ער קען דערפאר נישט זיין פאראנטווארטליך יעצט, ווען ער איז שוין געווארען פוליאהריג.

דאך האבען ביידע צדדים בעסער בשלום פארענדיגט זייער סכסוך, און ווי געזאגט, דערקלערען ביידע, אז זיי זענען צופרידען מיט דעם אויסלאז.

לאיער אנגעקלאגט אין פארשווענדען קליענטס געלט

וואראנטס צו ארעסטירען לאיער מאריס גינזלער, וועלכער איז געווען דער רעכטליכער עצה געבער פון דער טעקסי קאב דרייווערס אסאסיאיישאן, זענען ארויסגעגעבען געווארען, כאטש עס זענען שוין פאראיבער גאנצע צוויי מאנאטען זינט ער איז פארשוואונדען.

עס ווערט באהויפטעט, אז ער זאל האבען פארנומען פאר זיך געלט, וואס האט באלאנגט צו דער דרייווערס אסאסיאיישאן.

פאליסמאן ארעסטירט פאר גנבה

דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון טאראנטא טרעפט עס, אז א פאליסמאן, דער היטער פון געזעץ און פארפאלגער פון שווינדלער, זאל אליין ארעסטירט ווערען אלס גנב.

סעמועל מעק'מילאן, א פאליסמאן, וואס איז געווען פארבונדען מיט דאנדעס סטריט וועסט פאליס סטיישאן, איז ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע פון האבען גע'גנב'עט 21 טאן קוילען פון דער סטענדערד פיועל קאמפאני אויף 319 דאפערין סטריט.

פאר איהם איז ארעסטירט געווארען זיין שותף אין דער גנבה, אנטאני סאלארנא פון בלור סטריט, וועסט, א טראק דרייווער אין דער זעלבער קאמפאני.

די אנקלאגע דערצעהלט, אז מעק'מילאן איז געווען דער סיילסמאן, וואס האט צווישען זיינע באקאנטע געפונען קאסטימער פאר די קוילען, וואס סאלארנא האט גע'גנב'עט ביי זיינע בעלי בתים.

19 יאריגער באנק אנגעשטעלטער הענגט זיך

דער 19 יאריגער אנגעשטעלטער פון דער ראיאל באנק, דזשיימס מ. וואהייט, איז געפונען געווארען הענגענדיג אין קעלער ביי זיינע עלטערן אין הויז אויף 71 ריטשי סטריט.

זיינע עלטערן זענען אוועק אין דער פריה צום עקסיבישאן, ווען דזשיימס איז נאך געלעגען אין בעט.

ווען זיי זענען פארנאכט געקומען אהיים, האבען זיי איהם געטראפען שוין טויט. אנטקעגען איהם האט ער אוועקגעשטעלט א שפיגעל, ווייזט אויס, כדי ער זאל זעהן, ווי דורכצופירען דאס הענגען זיך.

זיינע עלטערן קענען זיך נישט דערקלעהרען וואס עס זאל איהם האבען געטריבען צו זעלבסטמארד.

פרוי פאר'סמ'ט זיך צוליעב קראנקהייט

עני פאלסקי, 41 יאהר אלט, געפינט זיך יעצט אין וועסטערן האספיטאל וואו זי בעסערט זיך נאך איינגעהמען א גרעסערע פארציע אייאדיין.

די פרוי זייענדיג קראנק און מרה־שחורה'דיג האט זיך פאר'סמ'ט אין איהר צימער אויף 36 טעקאמסי סטריט. איהר קרעכצען האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די שכנים, וועלכע האבען עס געמאלדען דער פאליציי.

צוויי פארוואונדעט אין א קאר צוזאמענשטויס

צוויי פערזאן זענען נעכטען אין דער פריה ערנסט פארוואונדעט געווארען אין א קאר צוזאמענשטויס אויף עוועניו ראוד און דעווענפארט ראוד.

וויליאם דראמאן פון דזשעקמאן עוועניו, און אלעקסאנדער וועיר פון פעריוויו בולווער, זענען די פארוואונדעטע, ווען א טראק געטריבען פון ארטור באססטאק, פון מארקהאם סטריט, איז אריינגעפאהרען אין זייער קאר.

אלטער מאן פאלט פון די טרעפ ביי זיך אין הויז

וויליאם דייוויס, 70 יאהר אלט, פון 77 סאליסבורי עוועניו, איז אראפגעפאלען פון די טרעפ ביי זיך אין הויז און איז אפגעפיהרט געווארען אין האספיטאל מיט אינווייניגסטע וואונדען, וואס זענען נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

באשווינדעלט געווארען אין מאנטרעאל, מעלדעט דער פאליציי אין טאראנטא

זיכער נישט דערפאר, ווייל ער האלט פון טאראנטאר פאליציי מער ווי פון מאנטרעאלער — ווי קומט א גרינער זיין א מבין אויף אונזער פאליציי — האט א פריש געקומענער פון ענגלאנד, וואס איז באשווינדעלט געווארען אין מאנטרעאל, ווי ער איז נאר אראפ פון שיף, ערשט זיך דערמאנט צו מעלדען וועגען דעם דער פאליציי, ווען ער איז אנגעקומען קיין טאראנטא.

און דערצעהלט האט ער, אז 2 יונגעלייט, מיט וועמען ער האט זיך גוט באפריינדעט אויף זיין רייזע קיין קאנאדע אויפ'ן שיף, האבען איהם באלד נאכ'ן אראפגעהן פון שיף איינגעלאדען צו שפילען אין געלט.

זיי האבען אלע דריי געדארפט במילא ווארטען אויפ'ן צוג, וואס זאל זיי פאנאנדערפירען, וואוהין זיי דארפען, האבען זיי געשפילט.

און אזוי ווי דער ערליכער ענגלענדער האט צום אנהויב געוואונען פון זיינע באקאנטע, איז איהם נישט איינגעפאלען זיך ווענדען צו דער פאליציי, איידער ער האט זיך אבער ארומגעקוקט, האט ער פארלארען כמעט זיין גאנץ געלט און דאן האט ער זיך געכאפט, אז די שפיל האט זיך איהם נישט געלוינט.

ווען ער איז געקומען אין טאראנטא האט ער וועגען דעם געמאלדען דער פאליציי, וועלכע האט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט מאנטרעאל, צו געפינען די שווינדלער.

סעם ראזענטאל עפענט דראג סטאר אויף בלור ביי מארקהאם

סעם ראזענטאל, דער באקאנטער אידישער דראגיסט, האט געעפענט א נייע דראג סטאר אויף 578 בלור סטריט לעבען מארקהאם.

מר. ראזענטאל, וועלכער איז גוט באקאנט צום אידישען עולם אלס "וואנדערענדער דראגיסט"", צוליעב די דראג סטארס, וואס ער האט געהאט אין פארשיידענע פלעצער פון דעם אידישען געגענט, דערקלערט יעצט, אז אין דער נייער סטאר האפט ער צו מאכען זיין הויפט קווארטיר און שטענדיגען פלאץ.

חזן דוד גליק האט זעהר אויסגענומען

חזן דוד גליק, וועלכער איז אראנזשירט געווארען היינטיגען יאהר צו דאוונען אין דעם ספעדיינא האל אויף 450 ספעדיינא עוועניו ביי דער פרייד אף איזראעל סאסייטי, האט זעהר אויסגענומען מיט זיינע סליחות שבת נאכט.

א גרויסער עולם (אהן עין הרע) האט אנגעפילט דעם גרויסען לופטיגען זאל וואו חזן גליק וועט דאוונען די קומענדע ימים נוראים. און אלע זיינען אוועק העכסט צופרידען מיט זיינע סליחות און מיט זיין מתיקות'דיגען זאגען.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

שווים-קאנטעסט אין מאנטרעאל ווערט צוריקגערופען. 25 שווימער, קריגען צו 10 דאלער נאך סקאנדאלען

מאנטרעאל, סעפטעמבער, 6.

דער 8 מייל שווים קאנטעסט אין סט. לארענס, וואס האט היינט געזאלט פארקומען, האט זיך אויסגעלאזען מיט א סקאנדאל, ווען די אונטערנעהמער האבען געליטען א פינאנציעלען דורכפאל און האבען אין לעצטען מאמענט צוריקגערופען דעם מאראטאן.

25 פון די שווימער, וואס זיינען געקומען פון טאראנטא, האבען נעקראגען צו צעהן דאלאר אויף הוצאות, נאך סקאנדאלען, אין וועלכע פאליציי איז ארויסגערופען געווארען.

דער קליינער עולם, וואס האט מסכים געווען צו צאהלען 50 סענט פאר דאס רעכט צו שטעהן ביים טייך און צוקוקען דעם קאנטעסט, האט געצוואונגען דעם מענעדזשער פון קאנטעסט און דער בריפטרעגערס יוניאן, וואס האט געשטיצט די אונטערנעהמונג פינאנסיעל, דערווארטענדיג א גרעסערע הכנסה פאר דער יוניאן קאסע, אונטער פארשיידענע אונגלוקליכענע תירוצים אפצולייגען דעם קאנטעסט אויף א וואך און נאכדעם זיך מודה זיין, אז זיי האבען ניט בדעה איהם דורכצופיהרען אין א וואך ארום.

א גרויסע צאהל פון די שווימער, וואס האבען אנטייל גענומען אין די עקסיבישאן מאראטאנס זיינען געקומען קיין מאנטרעאל וועלענדיג געווינען די 2500 דאלאר, וואס האבען געזאלט צוטיילט ווערען אין פרייזען.

ניט אלע פון זיי האבען געקראגען די צעהן דאלאר אויף הוצאות צוריק קיין טאראנטא, און עס איז א סברא, אז פילע פון זיי זיינען טאקע פארבליבען אין מאנטרעאל, ניט האבענדיג אויף הוצאות.

צווישען די וואס האבען געקראגען צעהנערלאך זיינען געווען ביל גאל, וואס האט פארענדיגט דער צווייטער דעם 21 מייל מאראטאן פון פראפעסיאנעלע שווימער ביי דער עקסיבישאן; אליהו ראדקאוויטש, אויף וועמען מען האט אין דעם זעלבען מאראטאן געלייגט גרויסע האפנונגען, און זיין אינסטרוקטאר, וו. דרינקוואטער; איזידאר ספאנדאר, וואס האט פארלאזען דאס וואסער איינער פון די לעצטע, און אנדערע אנטיילנעהמער פון דעם גרויסען מאראטאן.

דזשארדזש יאנג און מארגאריט ראוויער, די געווינערין אין די עקסיבישאן מאראטאנס, זיינען אויך אנוועזענד געווען אין פאנט-א-טרעמבל, וואו דער קאנטעסט האט געזאלט פארקומען, אבער זיי האבען ניט געזאלט אנטיילנעהמען. אזוי אזוי שנעל, ווי זיי האבען זיך דערוואוסט, אז דער קאנטעסט וועט ניט פארקומען זיינען זיי צוריקגעפאהרען קיין טאראנטא.

די בריעפטרעגערס יוניאן האט צו דעם עסען דערלייגט ארום 700 דאלאר.

צוויי טאראנטאר פארוואונדעט אויפן וועג קיין מאנטרעאל

מאנטרעאל, סעפטעמבער 8.

צוויי טאראנטאר אידען, פאהרענדיג קיין מאנטרעאל, זיינען פארוואונדעט געווארען לעבען בעי ד'אורף ארום סט. אן דע בעלוויו. ווען זייער קאר האט זיך נעכטען איבערגעקעהרט אין א גראבען נאך איבערברעכען א סלופ אין צווייען.

די פארוואונדעטע זיינען וויליאם מילער, א אינהאבער פון א קליידער סטאר אויף 184 קווין סטריט, וועסט, און זיינער א פריינט, וואס איז מיט איהם מיטגעפאהרען.

ביידע זיינען מיט'ן טריין אפגעפאהרען צוריק קיין טאראנטא, נאכדעם ווי זייערע וואונדען זיינען ארומבאנדאזשירט געווארען.

קינד

באן אנגעשטעלטע אגיטירען פאר באנען קעגען באסעס

וויניפעג, סעפטעמבער 8.

"שיפ ביי רעיל" (שיקט סחורה מיט דער אייזענבאהן דאס איז די מאטא, וואס עס האבען אנגענומען די איבער 187 טויזענט באהן אנגעשטעלטע אין זייער קאמפיין ארויסצוהעלפען די אייזענבאהנען נעגען דער קאנקורענץ פון די באסעס.

דער מיטינג וואס דארף אנהויבען וועט פארקומען היינט אוונט.

די אנפיהרער פון דער באוועגונג האלטען אז פון 187 ארבייטער, וועמען עס ווערט אויסגעצאהלט יעהרליך אין שכירות ביז 290 מיליאן דאלאר, זיינען 40 פראצענט איינגאנצען אהן ארבייט יעצט צוליעב דער באסעס קאנקורענץ מיט די אייזענבאהנען.

זיי וועלען פארלאנגען פון פריינט, יוניאן אנהענגער, און פאטריאטען צו שטיצען די אייזענבאהנען, כדי צו פארזיכערען דער ארמיי באהן אנגעשטעלטע מיט באשעפטיגונג.

קינד טויט פון פערדס קלאפ

רידזשטאון, אנט. סעפטעמבער, 8.

טרייבענדיג א שכנ'ס פערד, וואס איז פארקראכען אויף דער וועג צו זייער הויז, האט דער 10 יעהריגער האווארד מעק'לעיר נעקראגען פון פערד א קלאפ איבערן פנים און ער איז מאמענטאל דערהרגעט געווארען.

מאנטרעאלער באפעלקערונג איבער א מיליאן און א פערטל

מאנטרעאל, סעפטעמבער 8.

דער מאנטרעאל אינזעל האט א באפעלקערונג פון 1,293,092 פערזאן לויט לאועלס דירעקטארי פאר 1931—2, וואס געפינט זיך איצט אין דרוק.

די שטאדט גופא צעהלט א באפעלקערונג פון 1,927,949 נפשות.

אין דעם ערשטען חשבון זיינען איינגעשלאסען די פארשטעדטלאך לאשין, אוטרעמאנט, וועסטמאונט, לאנגעיל.

פאראיאהרען האט די שטאדטישע באפעלקערונג באטראפען 1,098,409 נפשות.

דרייזערס ווידוי

(פארזעצונג פון 4)

מעהר פארשטענדניס פאר דעם עצם זאך, אבער דאך א תירוץ איז עס. איצטער ווען ער האט שוין דערגרייכט דעם אמת און זעהט שוין איין, אז עס טויג ניט — פארוואס ענדערט ער איצט ניט זיין באציהונג צו דער זאך? פארוואס זאל ער איצט ניט ארויסגעבען, לאמיר זאגען, זיינע ביכער, שוין ניט רעדענדיג פון אנדערע שרייבער, אויף אייגענע קאסטען און זיי פארקויפען אזוי ביליג, אדער טאקי זיי שענקען, דעם ארימאן? פארוואס, לאמיר זאגען, זאל אזא טעאדאר דרייזער, וועלכער האט דער זעהן די אמת'ע ליכט, ניט שאפען א מין קערפערשאפט צו דערמוטיגען יונגע און אומבעקאנטע טאלאנטען, אז זיי זאלען ניט שטעהן ווי בעטלערס און שנארערס ביי די טיהרען פון די ארויסגעבער ביז וואנען זיי וועלען זוכה זיין צו זעהן זייערען אן אות געדרוקט? פארוואס זאל ער טאקי ניט פארוואנדלען זיין אייגענע עשירות אין א מיטעל און ניט לאזען אז עס זאל בלייבען א ציעל?

אויף די אויבענארויסגעבראכטע פראגען וועט איהר, צום באדויערען, אין דרייזערס ערקלעהרונג ניט געפינען קיין ענטפער.

איהר מעגט אפילו קוקען צווישען די שורות און זוכען כאטש איין ווארט, וואס זאל זיין אן אנדייטונג דארויף — אייער טרחה וועט זיין אומזיסט.

די אמת'ע נייקייט פון ווארט וואלט זיכער באשטאנען אין דעם ווען טעאדאר דרייזער, איינער פון די טאלאנטפולסטע שרייבער אין אמעריקא זאל באווייזען מיט מעשים אז דאס וואס ער זאגט איז ארויסגעשעפט געווארען פון די טיפענישען פון דער נשמה. אויב אבער די נייקייט באשטעהט בלויז אין זאגען, איז עס אבסאלוט קיין ניי ווארט ניט, ווייל פאר איהם זיינען שוין געווען גרעסערע און טיפערע דענקער, וועלכע האבען באנומען די וועלט און דאס לעבען אלזייטיג און האבען געזאגט טאקי עטוואס נייעס. האבען דאך די נביאים גערעדט וועגען דאס זעלביגע און מיט מעהר ברען און אייפער ווי ער, דעמאנסטרירענדיג זייערע ווערטער מיט מעשים און עס זיינען דאך געווען, אין משך פון דער מענשליכער געשיכטע א סך, וועלכע האבען זיך מקריב געווען פאר זייערע אידעען און איבערצייגונגען. דאריבער מוז מען זאגען, ניט קוקענדיג אויפ'ן טיפען רעספעקט, וואס מיר אלע פיהלען צו א דרייזער'ן, אז א ווארט וואס שפייזט זיך פון דער לופט און האט ניט קיין רעאליטעט אונטער זיך, קאן ניט האבען קיין ווירקונג !...

„האט נאך ניט צוקראצט"

עס איז פאראן א העלער זייט צו דיזער געשיכטע...

אין צוויי ליכטיגע זייטען צו דיזער פאן — ווייל עס איז א באן אמי גערייניגטע פאן. וועלכעס מיינט א רייניגע פאן, א געשייערטע פאן און א ניט-צוקראצטע פאן.

באן אמי מאכט זאכען ריין אין א סעקונדע — ניט-צוקראצענדיג אדער באשעדיגענדיג וואס עס רייניגט (געדענקט קראצען מאכען שווערער דאס רייניגען נעקסטען מאל). און באן אמי וועט ניט מאכען אייערע הענט רויט אדער צושיווערט. (איר ווייסט ווי וויכטיג שעהנע הענט זענען היינט).

נוצט וועלכע פארמע איר ווילט — די וויכע, שניי-ווייסע פאודער, אין די באקוועמע, זיפעל-קענס, אדער די הענטיגע, קאמפאקטע שטיק. ביידע פארמעס ווערען געמאכט פון די זעלבע, ניט-צוקראצענדע מאטעריאלען — ביידע זענען פולשטענדיג גערוכלאז.

Bon Ami

פאודער און קעיק

געמאכט אין קענעדע

אונזער באליבטער עמוד קינסטלער חזן בערנארד

וולאדאווסקי

אין דער עלטסטער באוואוסטער און פאפולערסטער
מיקאל שוהל
בית מדרש הגדול
חברה תהילים

מיט זיין וואונדער-בארען כאר פון 30 פערזאן
דאווענט
ראש השנה
יום כיפור
און סוכות

טיקעטס פון 2 דאלער און העכער.

צו באקומען יעדען אוונט פון 8 ביז 10, און זונטאג פון 10 ביז 2 אין שוהל.

אונזער שטאדט לעבט יעצט איבער שווערע צייטען. ניט יעדער איינער קען זיך פארגינען אזא זאך ווי ווערען א מעמבער פון א גרויסער שוהל, קריגען א גוטען פלאץ און הערען א גוטען חזן. אום צו געבען יעדען איינעם א מעגליכקייט צו האבען הנאה פון די קומענדע יום טובים, האט די שוהל באשלאסען נאר פאר דיזען יאהר אריינעמען נייע מעמבערס אין שוהל בלויז פאר 15 דאלאר.

באמערקונג: — מיר האבען אנגאזשירט דעם גוט באוואוסטען ענגלישען רעדנער מר. מ. נ. קערצער, א גראדואנט פון טאראנטאר אוניווערזיטעט און א בריליאנטער סטודענט פון דעם אידישען טעאלאגישען סעמינאריום. וועלכער וועט רעדען די יום טובים.

ספעשעל
יום-טוב סייל

צו מיינע בעסטע פריינט און קאסטאמערס! אייער אלט-באקאנטע דרעסמייקערין

מרס. גלעסמאן

לאזט אייך וויסען, אז איהר קענט יעצט באקומען די בעסטע און שעהנסטע דרעסעס און קאוטס צו די ביליגסטע פרייזען. אייך ארדערס צו מעזשור ווערען געמאכט גוט און ביליג.

קומט און זעהט מיין נייעם פאל סטאק. מיין נאמען איז גאראנטירט פאר גוטע ווארע און די בעסטע ארבייט. אויב ניט צופרידען אייער געלט צוריק.

איך דאנק אייך פאר פאטראנייזען מיר ביז איצט, און האף אויף ווייטער אייער פריינטשאפט.

מרס. גלעסמאן
314 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן קינגסדייל 9635.

חפצ'ס
שפיין פעקלאך
קיין רוסלאנד
רעזיווערט אהן דיוטי

100 פראצענט גאראנטירטע צושטעלונג, נייע אראנזשמענטס, נידעריגסטע פרייזען אין אמעריקע, פארשידענע נייע עסען-זאכען און זייף.

דער איינציגער אפיס מיט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד. שיקט א פעקעל היינט ! דאלארען אייערע קרובים אויף יום טוב טעלעגראפיש בלויז 25 סענט ! דיוטי דא הי.

חפצ'ס שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971

שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

אנאנס! מ. ה. קופער

— אייגענטימער פון —

קופערס סילק סטאר
אויף 109 דאנדעס סטריט וועסט

לאדעט איין אלע אידישע פרויען פון טאראנטא אין זיין ניי-געעפענטער

ליידיס רעדי טו וועיר סטאר
אויף 119 דאנדעס סטריט וועסט

לייטעסט סטיילס, סמארט קאוטס, דרעסעס און העטס צו ביליגע פרייזען. און איהר האט דעם גרעסטען פרישען סטאק פון וואס אויסצוקלייבען.

אין אונזער סילק סטאר קענט איהר אויסקלייבען, אויב איהר ווילט, סילק אדער וואולענס מאטעריאל פאר אייער קאוט, אדער דרעס, און מיר וועלען עס מאכען צו ארדער פאר אייך.

COOPER'S SILK STORE

119 דאנדעס סטריט וועסט 109 דאנדעס סטריט וועסט

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST - Telephones: TRINITY 6830-6831
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto,
January 22nd, 1913.

יא אדער ניט קהלה

ניט איין מאל האבען מיר שוין קלאר געמאכט די שטעלונג פון "דער אידישער זשורנאל" אין דעם יעצטיגען סכסוך בנוגע שחיטת עופות און דעם שוחטים סטרייק.

עטליכע מאל שוין האט דער "זשורנאל" שטארק באטאנט, אז ער שטעהט דורכאויס אויף דער זייט פון די סטרייקענדע שוחטים און געגען אלע די, וועלכע ווילען דעם סטרייק ברעכען און ניט דערלאזען, אז די שוחטי עופות זאלען אויפבויען אן ארגאניזאציע, וועלכע וועט שוין במילא זעהן, אז דער שוחט זאל קענען פארדינען אנשטענדיגע שכירות, זאל צו קיינעם ניט זיין פארשקלאפט, און זאל אויפהערען זיין א שיק-איינגעל ביי יעדען איינעם, וועלכער ברענגט אים שעכטען אן עוף.

מיר האבען דאס קלאר געמאכט און הערען עס ניט אויף צו באטאנען.

מיר האבען אויך באטאנט, אז אונזער שטעלונג אין דעם סכסוך האט בכלל וכלל ניט צו טאן מיט דער קהלה אדער רבנים. מיר האבען זיך ניט געמישט און האבען ניט בדעה זיך צו מישען אין דעם ענין.

פאראן אידען, וועלכע האבען בכלל תרעומות צו דער קהלה, פערזענליכע. זיי פאדערען, אז די בעאמטע און די דירעקטארען פון דער קהלה דארפען דערוועהלט ווערען דורך דעמאקראטישע וואהלען.

פאראן אידען וועלכע שרייען, אז די קהלה פון טאראנטא איז אן אויטאקראטישע קערפערשאפט, אז זי איז ניט קיין פול פארטרעטענדע פון דער שטאדט, ווי זי האט געדארפט זיין.

פאראן אידען, וועלכע האבען בכלל תרומות צו דער קהלה, פערזענליכע אדער אנדערע קריוודעס.

וואס עס איז שייך דעם "זשורנאל", האבען מיר מיט דעם ניט וואס צו טאן. מיט אייניגע טענות סימפאטיזירען מיר אפילו. מיר האלטען, אז די קהלה דארף זיין א פאלשטענדיג פולע פארטרעטענדע קערפערשאפט פון דער גאנצער שטאדט. און מיר וואלטען גאר ניט געהאט געגען, ווען די אידישע טאראנטא, אלס גאנצע, באשליסט אין א געוויסען טאג, אז עס איז בכלל קיין קהלה ניט נויטיג, אז אן אנדער סארט קערפערשאפט זאל אויפגעבויט ווערען דורכצופירען די פונקציעס, וועלכע א קהלה אין א אידישען ישוב דארף דורכפירען.

ווי געזאגט, וואלטען מיר ניט געווען געגען דעם. פארשטעהט זיך, אז מיר מיינען ניט דערביי צו זאגען, אז מיר זענען פאר הפקרות.

דער "אידישער זשורנאל" באלאנגט אויך ניט צו דער קהלה און האט די שטאדט אנגעשטעלט רבנים. אויף דעם עקזיסטירט א ועד הרבנים און מיר זענען עס ניט.

דער "אידישער זשורנאל" באגאנגט אויך ניט צו דער קהלה און מישט זיך ניט אין אירע ענינים. אויף דעם זענען פאראן שוהלען און ארגאניזאציעס, וועלכע זענען פארטראטען אין דער קהלה. און די שוהלען זענען די קערפערשאפטען, וועלכע דארפען רעאגירען אויף דער אקציע פון זייערע דעלעגאטען.

וואס מיר זענען געגען, און געגען וואס מיר ווילען קעמפען, און קעמפען איז, אז די שוחטי עופות זאלען ניט געמאכט ווערען פאר'ן שעיר לעזאזל פון די, וועלכע פרעטענדירען צו קעמפען געגען דער קהלה, און שלאגען באמת די שוחטים.

זיי, אין וועמענס אינטערעסען עס איז ניט צו דערלאזען, אז די שוחטי עופות זאלען זיין ארגאניזירט. אבער זיי האבען מורא ארויסצוטרעטען אפען געגען די שוחטים, ווייל זיי וויסען, אז דאס פאלק סימפאטיזירט מיט די שוחטים, וועלכע זענען ביז יעצט בארויבט געווארען פון זייער עלעמענטארסטער רעכט אונטער'ן צודעק פון קאמף געגען קהלה, און זיי האבען דאס גוט און סטראטעגיש אויסגערעכענט, ווייל א דאנק דעם דאזיגען צודעק האבען זיי צוגעצויגען און באקומען די סימפאטיע פון די, וועלכע זענען געגנער פון דער קהלה, סיי פערזענליכע געגנער און סיי די, וועלכע האבען באמת גערעכטע טענות געגען דער דאזיגער שטאדטישער קערפערשאפט.

מיר פיהלען דאריבער, אז עס איז אונזער חוב צו דער אידישער טאראנטא צו מאכען אזוי קלאר ווי מעגליך און ניט אויפהערען אויפצודעקען די ניט-ריינע מאטיווען פון די, וועלכע ווילען באקעמפען די שוחטים אונטער'ן כלומשרט'ן מאנטעל, אז דאס קעמפען זיי ניט געגען די שוחטים, נאר געגען דער קהלה.

דער "זשורנאל" פיהלט אלס זיין חוב ניט צו דערלאזען, אז די עפענטליכע מיינונג זאל ניט פארפירט ווערען, זיך ניט לאזען שיטען זאמד אין די אויגען און זעהן די אמת'ע אישו אין דעם יעצטיגען סכסוך.

צוליעב די זעלבע מאטיווען וואס די קהלה איז גענומען געווארען אלס שילד אין דעם קאמף געגען די שוחטים, האבען אויך די דאזיגע סטראטעגיקער ארויסגעלאזען קלאנגען, אז דער "אידישער זשורנאל" האט זיך פארקויפט צו דער קהלה, פאר גאט ווייסט, וועלכער גרויסער סומע געלד, און וויל ניט ארייננעמען קיין אנאנס פון דעם צווייטען צד, און ניט קיין סטייטמענט וועגען די טענות פון דעם צווייטען צד.

דער מאטיוו פון די דאזיגע קלאנגען איז אן איבערפלעכליכער. זיי ווילען פאר'סמ'ען די עפענטליכע מיינונג מיט דעם געשריי, אז דער "זשורנאל" איז פארטייאיש, פארקויפט צו דער קהלה, און ער שרייבט ניט וואס ער וויל, נאר דאס, וואס די קהלה דיקטירט אים.

דער אמת איז, אז נאך ביז יעצט האט דער צווייטער צד זיך ניט געווענדט אין "זשורנאל" מיט קיין דערקלערונג, ניט סיי אלס אנאנס און ניט סיי אלס דערקלערונג. און שרייען הערט מען ניט אויף אז דער "זשורנאל" וויל ניט אננעמען.

מיט נאך א טונקעלען מיטעל באנוצט זיך דער צווייטער צד: מיט פראבירען איינריידען דעם עולם, אז די אנאנסען פון ועד הרבנים שרייבט דער "זשורנאל". ווייסענדיג, אז קיין צייטונג טראגט ניט קיין פאראנטווארטליכקייט פאר אנאנסען, נאר די, וועלכע זענען אונטער די אנאנסען אונטערגעשריבען, און אז די שטעלונג פון דער צייטונג ווערט אויסגעדריקט בלויז עדיטאריעל.

יא קהלה, ניט קהלה, איז ניט די אישו, און טאר ניט אריינגענומען ווערען אין דעם סכסוך.

דאס רעכט פון די שוחטים צו זיין ארגאניזירט.

די שוחטים זאלען באקומען דעם פולען פרייז וועלכען דער קאנסומער צאהלט פאר שעכטען אן עוף.

די שוחטים זאלען זיין אומאבהענגיג פון די עופות סוחרים (טשיקען דילערס).

די שוחטים זאלען באהאנדעלט ווערען ווי מענשען פון אזא שטאנד דארפען באהאנדעלט ווערען.

דאס זענען די הויפט פונקטען פון דעם סכסוך. און דער "זשורנאל", פונקט ווי די גרויסע אידישע פאלקס מאסען, זענען פאר דעם, אז די שוחטים זאלען עס באקומען, ווייל זיי זענען גערעכטע און מענשליכע פאדערונגען.

קהלה, אדער ניט קהלה, אזא קהלה ווי די יעצטיגע אדער ארגאניזירען א נייע, א מער דעמאקראטישע, אדער א וועלכע זי זאל ניט זיין, איז ניט די אישו.

וואלט זיך יעצט געהאנדעלט וועגען גרינדען אדער באשטימען די סטרוקטור פון א קהלה אין טאראנטא, איז דעם "זשורנאל'ס" פאליסי אלע מאל געווען, און איז יעצט: — א קהלה פון פאלק, פאר'ן פאלק, אויף דער דעמאקראטישע יסודות.

א גרינגע האנט

פון יצחקי

א איד האט בטבע א גרינגע האנט, ווייל ער האט א גרינגע הארץ. דערפאר טרעפען מיר אזוי פיעל אידישע בארבערס, אידישע מוהלים, אידישע כירורגען און אלערליי סארטען אנדערע אידישע "שניידער" און "שערערס".

וואס דארפט איהר מעהר, אפילו א אידישער גזלן איז אויך געבענשט מיט א גרינגער האנט.

ווייסט דאך שוין פון לאנג די וועלט צו דערצעהלען וועגען א וואלד-סוחר וועלכער האט פארבלאנדזשעט צו א אידישען גזלן אין אן איינזאמען פעלד. דער וואלד סוחר האט פונקט געטראגען מיט זיך א היבשע אפוטיקא און ער האט באמערקט אז אין הויז וואוהין ער איז פארבלאנדזשעט געווארען שטעהט שוין דער בעל-באס מיט זיין בנ'אק, און מען שארפט העק, כדי צו מאכען א סוף מיט'ן סוחר.

צאפעלט זיך געבעך אונזער סוחר און זאגט שוין שטילערהייט וידוי. ער דערצעהלט פאר "איהם" וועגען אלע נסיונות וואס ער האט אין פארלויף פון זיין לעבען, ניט געקענט ביישטעהן דעם יצר-הרע... און נאך אנדערע אזעלכע זאכען איז ער זיך מתודה פאר דעם רבונו של עולם.

פלוצלינג דערזעהט ער אן עלטערע אידענע זיצענדיג אין א ווינקעלע מיט א "צענא-רענא" (צאנה-וראנה) אויפ'ן שויס. די אידענע זיצט פרום איבערגעבויגען איבער'ן ספר און שלינגט די ווערטער.

דערפרייט ער זיך, און ער הויבט איהר אן פרעגען ווער זי איז. ענטפערט זי איהם אז זי איז עס די פרוי פונ'ם גזלן און די מאמע פונ'ם בנ'אק. פאלט ער פאר איהר אויף די קניה און בעט רחמנות.

"איך האב א ווייב מיט קינדער, וויינט ער פאר דער אידענע. דערבארימט זיך און דערלאזט ניט מען זאל מיך קוילענען".

הויבט אויף די אידענע איהרע פרומע אויגען פונ'ם "צענא-רענא" און רופט זיך אן מיט א ווייך קול צום אורח.

"רב איד, איהר דארפט זיך גאר ניט ערגערען און שרעקען זיך אוועדע ניט. גלויבט מיר אז איך קען מיין מאן און מיין זוהן בעסער ווי איהר, און איך פארזיכער אייך אז מיין זוהן האט ברוך השם אזא גרינגע האנט, אז ווען ער קוילעט פיהלט מען אפילו ניט...

* * *

מאלט אייך אז דאס איז ניט מעהר ווי א מעשה און וויבאלד אז איך קען ניט גאראנטירען פאר דער אויסגעהאלטענקייט פון דעם, דארפט איר עס ניט נעמען טויט-ערנסט. נאר מען מוז צוגעבען אז א מעשה איז עס א שעהנע. עס באשטעטיגט בלויז ווי ווייט אידען זענען געבענשט מיט "גרינגע הענט".

מסתמא האט איהר דאך געלייענט אין "זשורנאל" די נייעס אז די אמעריקאנער אידען האבען אויסגעטיילט לעצטען יאהר איבער 56 מיליאן דאלאר אויף צדקה צוועקען.

56 מיליאן! דאס איז דאך א מאטניא, מיט וועלכער מען וואלט באלד געקאנט איינאנצען פארמיידען דעם פינאנציעלען קריזיס אין ענגלאנד. און ווען מען נעהמט נאך אין אנבעטראכט, אז די דאזיגע סומע איז אויסגעטיילט געווארען אין אזא שלעכטען יאהר, ווי דער פארגאנגענער איז געווען, מוז מען קומען צום שלוס, אז אידען האבען ווירקליך "גרינגע הענט".

עס ווייזט מיר אוים אז עס איז בלויז א אידישע אייגענשאפט צו געבען געלט אזוי ברייטהארציג און מיט אזא גרינגער אפענער האנט. בלויז א איד הפנים, קאן דערוויייזען צו ארויסשלעפען פון קעשענע אזא זשמעניע און עס פארנאנדערטיילען צווישען ארימע און נויטבאדערפטיגע.

און דאס אלץ איז א רעזולטאט איבער דער אידישער ווייכהארציגקייט, און איבער דער אידישער אייגענשאפט צו געבען.

אמת, איך קען אידען וואס האבען "גרינגע הענט" צו נעהמען אויך, ווען עס לאזט זיך, אבער מען מוז געדענקען אז זיי נעהמען כדי זיי זאלען קענען געבען...

א וואונדערבארע אייגענשאפט איז די דאזיגע "גרינגע האנט" ביי אידען. איך וואלט זיך בלויז געוואונשען אז די דאזיגע אייגענשאפט זאל פון אייניגע ניט מיסברויכט ווערען פאר "פיק-פאקעטינג" און ענליכעס, וועלכעס איז בכלל דוקא ניט קיין אידישע מידה.

און אונזערע טאראנטא'ר אידען זענען אין דער דאזיגער הינזיכט ניט ערגער ווי די אידען פון אמעריקע. (איך מיין ניט חלילה אין דער הינזיכט פון "פיק-פאקעטינג" נאר אין דער גרינגקייט צו געבען געלט). אונזערע טאראנטא'ר אידען, ווי אלע אמעריקאנער אידען האבען מארנע ליעב באנקעטלאך, און ביי די דאזיגע באנקעטלאך ווייזען זיי עס ארויס זייער גרויסע בריה'שקייט צו "פיק-פאקעטען" פון זייערע אייגענע קעשענעס...

אבער פונקט אזוי ווי זיי האבען ליעב באנקעטלאך אזוי קענען זיי גוואלדיג

דרייזערס ווידוי וועגען געלט איז א פראזע, אבער די געלט עבודה-זרה איז ריינע ווירקליכקייט

פון ג. קראוויץ

מסתמא האט איהר געלייענט וואס טהעאדאר דרייזער האט געזאגט וועגען "גליק" און וועגען געלט. צו עס איז אייך געפעלען זיין מיינונג, אז איצט ווען ער האט א סך געלד, פיהלט ער זיך ניט גליקליכער, ווי ווען ער האט ניט געהאט קיין פרוטה צו צאהלען קיין דירה געלד, צו עס איז אייך ניט געפעלען, אבער אינטערעסאנט האט עס געדארפט זיין פאר אייך. איבערהויפט איצט, ווען די געלד פראגע, איך מיין: די פרנסה-פראבלעם, איז אזא שווער-וואגיגע און צו פארדינען אויף חיונה קומט אן בקריעת ים סוף. אויב דרייזער, דער באריהמטער און ערפאלגרייכער אמעריקאנער שרייבער, האט באצוועקט מיט זיינע ווערטער צו שענקען אביסעל טרייסט יענע שווער פארהארעוועטע מענשען, וועלכע געהען אפ אין בלוט צו געפינען ארבייט אבי צו פארדינען אויף א שטיקעל ברויט מיט דעם שוויים פון פנים, האט ער אפשר דערגרייכט זיין ציעל.

אויב אבער דרייזער האט געוואלט לאזען הערען דעם אייביגען אמת, אז 'געלד איז ניט קיין גליק' איז עס געבליבען א קול קורא במדבר א ווארט וואס שפייזט זיך פון לופט, ווייל עס האט ניט קיין רעאליטעט אונטער זיך, און דאס וואס באזיצט ניט קיין רעאליטעט, האט ניט קיין ממשות, קען ניט בעאיינפלוסען אדער באווירקען מענשען צו מעשים.

עס איז אן אלטע מיינונג און אן אומבאשטריטענע, אז געלד אלס מיטעל איז ניט שעדליך. נאך אלעמען געלד אליין, גאלד אדער זילבער, אדער וועלכע עס איז אנדערע עשירות איז ניט גוט און ניט שלעכט. דער מעטאל גאלד, אלס מעטאל, אלס זאך, טהוט ניט קיין שאדען און אין געוויסע הינזיכטען ברענגט ער נוצען מענשען. עס איז א שעהנער און קאסטבארער מעטאל. און מענשען האבען ליעב דאס וואס איז שעהן און שטארק.

אויב געלט ווערט שלעכט און מאכט פון מענשען שקלאפען, איז עס ניט ווייל געלד איז שולדיג, נאר ווייל מענשען זיינען שולדיג. געלד אן און פאר זיך האט אויף אזוי פיעל ווערט אויף וויפיעל דער מענש שאצט עס אפ. ווען דער מענש שטעלט עס העכער פון אלעס אין לעבען און מאכט פון דעם א ציעל — דעמאלט ווערט דער דאזיגער ציעל דער באהערשער פון זיינע געפיהלען, זיין פארשקלאפער און עקספלואטאטאר.

און נאך א זאך: ווען מען רעדט וועגען "גליק" דארף מען קלאהר ווערען וואס עס מיינט. אייגענטליך איז דאך דא א סך גליקען. מען קען זאגען, אז גליקען צעהלען זיך פונקט ווי מיינונגען. איז דאך אייך באקאנט דער גערעדנק "וויפיעל מענשען אזוי פיעל מיינונגען", "וויפיעל אידען (אדער מענשען) אזוי פיעל דעות". פונקט דאס זעלביגע קאן מען זאגען, אויף גליק. עס איז א ווארט, וואס איז רעלאטיוו: דאס וואס מאכט מיר גליקליך, וועט אויסקוקען ביי אייך נאריש, און דאס זעלביגע פארקעהרט. עס זיינען ניט מעגליך אזוי פיעל ביישפיעלען וועגען גליק אין די גרעניצען פון שכל, וויפיעל זיי זיינען דא. ביי איינעם איז גליק: — עשירות ביי א צווייטען — פארגעניגען, דערהויפט פערפעקציע. ביי א דריטען — לערנען און די דערהויבונג און פארפיינערונג פון זיין שכל. ביים פערטען — קינדער. און אזוי ווייטער... קענט איהר דען אויסרעכענען אלעס?

דאס איינציגע וואס מען קאן יא זאגען איז דאס פאלגענדע:

ביי די ארימע מאסען איז געלד, עשירות א דאמינירענדע שטרעבונג. זיי, וואס ארבייטען אלע מאל שווער און ווערען אונטערדריקט, הגם זיי קריגען ארוים פון זייער פראצע קוים, אויף א לעבען, אדער מוזען זיך באגוגענען מיט א הונגער לוין, די דאזיגע איז אבסאלוט ניטא וואס צו באשולדיגען, ווען זיי זעהען אין געלד א פאקטאר פון מאכט און איינפלוס, אדער ריכטיגער, א פאקטאר צו קריגען דאס נויטיגסטע אין לעבען. זיי שטעלען זיך טאקע פאר אז די אומזיכערקייט פון לעבען, דאס ניט וויסען וואס דער מארגען וועט ברענגען, איז באמת אן אומגליק, א טראגעדיע, א טיעפע אייטערענדע וואונד, און ווען זיי האבען געלד, וואלט די אומזיכערקייט פארשוואונדען און במילא וואלטען זיי זיך געפיהלט גליקליך און דערהויבען.

אמת, עס קוקט אוים לאגיש און עס ענטהאלט א גרויסען אמת אין זיך, אט דער געדאנק, אבער בלויז אין דער פערספעקטיוו, ניט אין רעאליטעט. אלס א שטרעבונג און אידעאל איז דאס אן אמת, אלס רעאליטעט, דאס הייסט, ווען מען דערגרייכט שוין די מדרגה, זעהט מען ערשט אז עס הויבט זיך ניט אן און עס לאזט זיך ניט אוים.

נאטירליך, די ארימע און געפלאגטע וועלען אייך זאגען, אז עס שרעקט זיי ניט אפ.

אדרבא ואדרבא גיט זיי בלויז דעם האלבען אדער גאנצען מיליאן, יעדען באזונדער, און זיי וועלען שוין ניט האבען מעהר קיין דאגות. איי, זיי וועלען ניט זיין גליקליך — זאל עס זיין אזוי! וואס ארט עס אייך? דער עיקר איז, די פאר גרייצערס. ווער דארף זיך אינטערעסירען צו זיי וועלען זיין גליקליך אדער ניט? ווען דער מאסען-מענש, איהר און איך, וואלט געווען אויפ'ן פלאץ פון שלמה המלך, וואלט ער זיכער ניט אויסגעקלייבען קיין חכמה אנשטאט עשירות.

חכמה וואלט ער געזאגט איז אויפ'ן בית הקברות. חכמים געהען בארפיס און צופוס. נאראנים פאהרען אין קארעטעס. טא לאמיר זיין נאראנים, אבער רייך. דאס איז דער שכל הישר און — עס בלייבט אן אנגענומענער כלל.

נאך מעהר איז עס אנגענומען אין אונזער מדינה. דא אין אוצר העושר, וואו געלד איז ניט בלויז א מיטעל, נאר א מאסשטאב, צו מעסטען אינטעליגענץ און וויסענשאפט, חכמה און לייטישקייט, איז דאך אפגעערדט. דא איז געלד דערהויבען געווארען צו אן אפגאט, א געטשקע רחמנא לצלן, צו וועמענס דינסט עס פאלען כורעים אלע, פון דעם העכסטען ביז דעם קלענסטען.

די געצענדינעריי איז געווארען אן אלגעמיינע, א מכת מדינה. מען דיענט צום אפגאט אין די טעמפלען און בתי מדרשים. אין די אפים בנינים און אין די ליימענע הייזלאך. פון עק צו עק טראגט זיך איין געשריי — לאמיר זיין אונטערטעניג און טריי! גאט וויל אזוי!

פון דעם שטאנדפונקט ארויסגעהענדיג איז דרייזער גאנץ נאהענט צום אמת. ווען ער זאגט, אז געלד האט איהם ניט פארשאפט קיין גליק, איז עס אן אנזאג אדער א ווארנונג צו אלע וואס דיענען אזוי געטריי דעם עגל הזהב. עס איז א נעגאטיוו ווארט וועגען א זאך וואס ווערט באטראכט אלס די העכסטע פאזיטיוויטעט.

דרייזער זאגט, הייסט עס, די מענשען פון אונזער דור און אונזער מדינה, אז זיי זאלען געדענקען ניט אריינצולאזען זיך אין דיענסט פון דער געלד געטשקע, און זאלען זיך היטען פון איהר צוויבערליכען איינפלוס.

אבער דאס איז דאך ניט די פראגע. דער מאסען מענש, דער ארימאן און הארעפאשניק, ווען ער טראכט וועגען געלד האט ער דאך א בארעכטיגונג. עס פעהלט איהם מעהר וויפיעל ער האט. ניין, ער האט כמעט גארנישט. ווי זאל ער ניט טראכטען וועגען דעם אין וואס ער נויטיגט זיך אזוי שטארק? אויב ער טראכט צו פיעל, איז עס אים נויט.

אוים אויסגעגלאצטע אויגען פון הונגער, ווי עקעלדיג און מיאוס די געטשקע זאל ניט זיין, איז עס דאך ביים ארבייטער א נאטירליכער פארלאנג, עס קומט פון די אינווענינגסטע מקורות. ער איז דאך, דער מאסען-מענש, אויף גרויסע, געברענטע צרות. ער קאן זיך ניט העלפען. די שטרעבונג אפשר גיט איהם כוח אויסצוהאלטען דעם דרוק פון לעבען. עס פארגיטיגט איהם אויף דאס בלוט וואס ער פארניסט טאג-טעגליך.

אויב מען רעדט וועגען עבודה-זרה בנוגע געלט, דארף מען, נאך אלעמען, אין זינען האבען יענע גרויסע געצענדינער, טאקע די רייכע און רייכסטע, וועלכע באטראכטען ניט געלט אלס מיטעל צום לעבען — צו לעבען און געניסען פון לעבען האבען זיי סיי ווי געגוג, זיי קענען פאקטיש אויסלעבען זייערע יאהרען אין נחת און כבוד, ניט זאמלענדיג מעהר און מעהר — נאר אלס ציעל, אלס היילינגסטע אויפגאבע, און וועמענס איינציגע עבודה איז אויסצופרעסען אלץ מעהר און מעהר פון געלען מעטאל אהן א שום פארגעניגען פאר זיך: יענע געצענדינער, וועלכע זאמלען געלט לשם געלט און לשם זאמלען גופא — אט די דאזיגע געצענדינער זיינען עס די פראדוקטען פון אונזער פיעל געלויבטער, פיעל געבענשטער ציוויליזאציע, וואס רעדט, אהן דער מינדסטער בארימערישקייט כלומרשט אביעקטיוו, וועגען יושר, מענשליכקייט עהרליכקייט און גערעכטיגקייט.

ווען דרייזער האט די דאזיגע געצענדינער געהאט באמת אין זינען, האט ער עס געדארפט זאגען בפירוש, און אפשר וואלט זיין ווארט געמאכט פאר זיך וואו ניט וואו אן ארט. דרייזער האט אבער זיין ערקלעהרונג ניט קוואליפיצירט, ניט באגרענעצט און דאריבער, זאגען מיר, אז עס וועט ניט האבען קיין איינפלוס.

אבער דאס איז ניט אלעס. דרייזער האט גערעדט אלס שרייבער, און ער האט אנגעוויזען, אז די איינציגע שטרעבונג פאר א שרייבער דארף זיין — דער ווילען עפעס אויפטהאן אבער ניט "צו מאכען געלט". פרעגט זיך טאקי: פארוואס האט דרייזער טאקי דאס איצט ניט געטאן? מילא, אין זיינע יונגע יאהרען האט ער, ווי דער מאסען-מענש בכלל, זיך פארגעשטעלט אז געלט וועט איהם געבען א מעגליכקייט צו דערגרייכען די העכסטע שטופע פון גליק, האט ער דעריבער געשטרעבט דערצו. הגם אויך דעמאלט האט מען געמעגט דערווארטען פון א דרייזער

(פארזעצונג אויף פיידוש 3)

אין די גרויסע טעג

הינטער די קוליסען. — א "פאסטדייטעד" טשעק. — די אומזיסטע באקס אין טעאטער

פון אן אייגענעם.

מאנכע פון אייך, ליבהארציגע לעזער, האבען מסתמא געהערט וועגען דער לעצטער גרויסער פאליטישער איבערקערעניש אין ענגלאנד. עטליכע פון אייך האבען אודאי געלייענט אין די גאזעטען, אז מיר האבען א נייע רעגיערונג. אבער קיינער פון אייך ווייס ניט, וואס הינטער די קוליסען איז פארגעקומען ווי איך ווייס. איך בין אימשטאנד צו איבערגעבען אייך פרטים וועגען דער גרויסער דראמא, וואס האט זיך אפגעשפיעלט אין די "הויכע פענסטער", וועלכע קיין בשר ודם, אויסער די וואס שטעהען גאר נאהענט צו דער רעגיערונג, ווייסען ניט. איך מוז דערביי ווארענען אנדערע צייטונגען, אז די ידיעות וואס איך טייל דא מיט זאלען ניט איבערגעדרוקט ווערען, ווייל זיי זענען "קאפירייט" אין ענגלאנד, אויסלאנד און תל אביב.

אלזא — הערט-זשע:

באלד ווי דער קריזיס האט זיך אנגעהויבען, האט רעמזי מעקדאנאלד ארויסגערופען צו זיך, אין 10 דאונינג סטריט, זיין אלטען חבר מר. י. ל. פיין אויף א בעראטונג וועגען שאפען א נאציאנאלע רעגיערונג. די בעראטונג האט אזוי לאנג אנגעהאלטען, אז מר. פיין האט אויסגעפיפקעט צעהן פייפס טאבאק און מעקדאנאלד האט אויסגערויכערט 17 מיט א שטיקעל וואודביינס סיגארעטס. ענדליך האט זיך מר. פיין אויפגעהויבען, ארויפגעלייגט א האנט אויף מעקדאנאלד'ס אקסעל און זיך אנגערופען:

— חבר רעמזי, דו האסט מיין שטיצע. צוזאמען שטעהען מיר און צוזאמען פאלען מיר!

און זיי האבען זיך ביידע צוכליפעט.

אין דער זעלבער צייט האט מר. סנאודען פון נעקסט דאר נומער 11, אפגעהאלטען א זיצונג מיט מר. ש. גאלדבערג'ן וועגען דער קריטישער פינאנציעלער לאגע. גאלדענבערג האט איהם צוגעזאגט צו אויסנוצען זיין איינפלוס, וואס ער האט אויף פארשיעדענע בענק מענעדזשערס, אבער ער האט דערביי געשטעלט א באדינגונג, אז סנאודען זאל ביי איהם קויפען דעם העברעאישען זשורנאל "איים" וואס ער האט ארויסגעגעבען און א סעט מחזורים און דוקא פאר קעש, ווייל ער האט פיינט מאנקי ביזנעס. סנאודען האט זיך ענדליך אפגעבעטען, אז ער זאל נעהמען האלב קעש און אויף דער צווייטער העלפט האט ער איהם געגעבען א "פאסטדייטעד" טשעק.

דערווייל האט מר. וויליאם צוקערמאן געהאט א לאנגע בעראטונג מיט'ן נייעם אויסערן מיניסטער לארד רעדינג. צוקערמאן איז כידוע אן אמעריקאנער בירגער און ער איז באשטימט געווארען אלס ספעציעלער שליח פון פרעזידענט הואווער פון יונייטעד סטייטס אף אמעריקא צו פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט ענגלאנד. לארד רעדינג האט זיך ביי איהם געבעטען: "פאני צוקערמאן, איהר זענט א מענש מיט א סך סימפאטיעס. איך האב געלייענט אייער לעצטען ארטיקעל, אין וועלכען איהר האט סימפאטיע מיט באלשעוויזם; אין דער העברעאישער ציוניסטישער צייטונג "דבר" האט איהר סימפאטיע מיט ציוניזם; אין דער אנארכיסטישער "פרייע ארבייטער שטימע" האט איהר סימפאטיע מיט אנארכיזם און אין דער ארטאדאקסישער צייטונג "מארגען זשורנאל" זייט איהר אויך אביסעל סימפאטיש מיט ענגלאנד און פארלאזט אונז ניט". צוקערמאן האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען און אויף די אמעריקאנער שיפען, וואס געהען קיין ענגלאנד און צוריק, וועלען אין די קומענדע ימים נוראים באשטעלט ווערען גוטע חזנים.

צווישען די וואס האבען באזוכט דעם פרעמיער אין די קריזיס טעג, זענען אויך געווען מר. אייבראהאמס, וועלכער האט געפאדערט פון מעקדאנאלד'ן, אז לארד פאספיעלד זאל ניט אריין אין נייעם קאבינעט; מר. אייבראהאמס האט דערביי געסטראשעט, אז אויב זיין פאדערונג וועט ניט ערפילט ווערען, וועט ער זיך אין גאנצען צוריקציהען פון ציוניסטישער טעטיגקייט. נאטירליך האט מעקדאנאלד געמוזט נאכגעבען.

די רעגיערונג איז אויך געווען פאראינטערעסירט צו הערען מר. דזשאזעפ'ס מיינונג וועגען שניידען ווידזשעס. מר. דזשאזעף האט ערקלעהרט, אז כאטש צווישען די לאנדאנער אידען זענען פאראן א סך, וואס לעבען פון צושניידען, איז ער אבער געגען שניידען די ווידזשעס. די רעגיערונג איז געווען אין פארלעגענהייט נאך דיזער ערקלעהרונג, אבער באלד איז אנגעקומען א טעלעגראם פון רעווערענד מוהל האלטער, וואס האט אנטהאלטען דאס ווארט "שניידען" און די רעגיערונג האט באשלאסען מל צו זיין ווידזשעס.

איינער פון די הויפט מענשען וואס האבען צוזאמענגעשטעלט די נייע רעגיערונג איז געווען מר. זוסמאן. מעקדאנאלד האט זיך דערמאנט, אז זוסמאן האט אמאל געגעבען אן אומזיסטע באקס אין פאוויליאן טעאטער, און ער האט די טובה ניט פארגעסען און איהם איבערגעגעבען די ארבייט צו ארגאניזירען דעם קאבינעט. "מר. זוסמאן, — האט מעקדאנאלד זיך אנגערופען צו איהם — איהר זייט א בריה אויף אראפברענגען חזנים און ארגאניזירען קאנצערטען. איהר האט אויך ארגאניזירט דעם ארקעסטער אין פאוויליאן טעאטער, טא קומט און ארגאניזירט מיר אן ארקעסטער פון מיניסטארען". זוסמאן האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען און האט דערביי אריינגעשמוגעלט צוויי אידען: רעדינג'ן און סעמיועל'ן.

א חוץ די אויבענדערמאנטע האט די רעגיערונג געפיהרט אונטערהאנדלונגען אויך מיט קייזער'ן און באקשטאנסקי'ן. קייזער'ען האט סנאודען געבעטען, אז היות די פעדעראציע קלייבט זיך ארויסצולאזען א נייעם אפיעל פאר די ימים נוראים און וועט אודאי זאמלען גרויסע סומען, טא אפשר קען די פעדעראציע געבען דער רעגיערונג אן הלואה כאטש עטליכע מיליאן פונט. באקשטאנסקי'ן האט סנאודען געפרעגט צי ער שטעהט אין שידוכים, און אויב יא, צי קען ער אויסבארגען דער רעגיערונג דעם נדן, וואס ער איז אהן צווייפעל ווערט און וועט אהן צווייפעל באקומען.

דעטס אל, וואס איך קען מיטטיילען פון הינטער די קוליסען אין די גרויסע היסטארישע טעג. און איך ווארען נאכאמאל די צייטונגען אין ענגלאנד, אויסלאנד און תל אביב, אז עס איז "קאפירייט" און זיי זאלען עס חלילה ניט איבערדרוקען.

רוקח'ס
כשר
אלומינום
קלינזער

מאכט אייערע אלומינום כלים גלאנצען און פינקלען ווי נייע. רייניגט און פאלישט אהן אנשטרענגונג. שאדעט ניט די הענד.

היט זיך פאר נאכגעמאכטע!

צו באקומען אין אלע גראסעריס

I. ROKEACH & SONS, Inc.
Brooklyn, N. Y.

א באזוך אין די פארד פאבריקען אין דעטראיט

(פון מיינע רייזע בלעטלאך איבער אמעריקע)

פון ל. מלאך

1.

ווי א בינענשטאק, אזוי זשומעט און זוימעלט מיט ארבייט און באוועגונג אין דער שטאדט דעטראיט. די שטאדט קאכט און רעשט בייטאג און ביינאכט, און דאס קאכען און רעשען איז ניט סתם אזוי, ווייל דעטראיט איז א גרויסע שטאדט, א שטאדט וואס וועט באלד אונטערציהען דעם סך הכל פון איהרע איינוואוינער צו דעם ציפער פון צוויי מיליאן.

געדיכטע באפעלקערונגען אין אמעריקאנער שטעדט איז קיין נייעס ניט, א שטאדט מיט הונדערט און פופציג אדער צוויי מאל הונדערט טויזענט מענשען איז שוין ווי אויסגעמעקט פון דער מאפע אין דעם באגריף פון גרויסע שטעדט. פילאדעלפיא האט ניט קיין סך מעהר איינוואוינער ווי דעטראיט. אבער פילאדעלפיא וועט זיך שוין אפנים קיינמאל ניט אויסקיפען פון איהר צונאמען א שלאפענדיגע שטאדט.

דעטראיט שלאפט ניט, דעטראיט איז וואך, אבער אין דעם וואכקייט פון דער שטאדט טראגט זיך דער רויש פון ארבייט, די ארבייט זינגט איבער אלע גאסען איבער די שנעל אויפגעבויטע פארמלאזע שטאדט, וואס האט זיך אין דער פארמלאזיגקייט געשאפען אן אייגענארטיגע פארמירונג. דעטראיט איז א זעהר שטארק כאראקטעריסטישע שטאדט, אויסערליך, האט זיך געגעבען א צעוואקס אין דער הויך שטעדט, וועז אפילו אין אמעריקע האט גענומען צעהנדליגער יאהרען ביז זי האט זיך אויפגעבויט, האט דעטראיט דעריאגט און יאגט נאך איבער.

אבער אינ'ם דעטראיטער אויפשטייג איז דא דער ריטם פון ארבייט, פון מיה, אינ'ם רויש פון די באלעבסטע שטאדט טיילען, אין דעם אזוי גערופענעם "דאון טאון" הערט מען דעם קלאנג פון האמער, דעם פייף פון די סירענעס, און איבער די ווייסע וואלקענקראצער מיט די אנגעצונדענע טורעמס, שטארט אריבער די קוימענס פון די פאבריקען, הויבען זיך דער ראז אנגעצונדענער נאכט, אין פולען ליכטיגען וואלקען, אין רויך וואס גיסט זיך איבער די דעכער, אנגעטרונקען מיט פארביגען שיין. זיינען די סילועטען פון די פאבריק קוימענס, ווי פינגער וואס ווייזען: זעהט ווער עס האט דאס אלץ פארוואנדעלט, ווער עס האט אט דעם גרויסען שטח באזעצט און באבויט?

און וואס וואלט דעטראיט געווען ווען ניט איהרע אויטאמאביל פאבריקען, און וואס איז זי דען איצט, אין צייט פון קריזיס, די שטאדט געהט איין און פארצעהרט זיך. יעדען טאג פיהרען די וועגען אוועק טויזענטער מענשען וואס האבען דא אזוי לאנג זייער היים געהאט ווי לאנג זייערע מוסקולען האבען א ווערט געהאט, אזוי לאנג די גיגאנטישע פאבריק טויערען האבען זיי יעדען טאג איינגעשלונגען. איצט איז די צייט פון קריזיס. די גאסען זיינען געפאקט, ממש ניטא וואו א טראט צו שטעלען, אבער די געשעפט הייזער זיינען ליידיג סוחרטעס געניצען אין זייערע פויסטען אריין.

עס זיינען געוועזן צייטען ווען דאס ווארט "דעטראיט" האט זיך ווי מיט א כשוף-גלאק אויסגעקלונגען איבער יענע טיילען פון דער אלטער אייראפא, וואו הענט זיינען געוועזן א סך און צו באנוצען די הענט איז ניט געווען צו וואס, דארט וואו קינדער זיינען געוועזן א סך און ברויט ווייניג האט מען זיך אנגעכאפט אין אט דעם אויסגעכישופטען ווארט: דעטראיט און צוזאמען מיט דעם ווארט איז אויסגעוואקסען א געשטאלט, א געשטאלט פון דערלייזונג און האפנונג, א קורץ, אן איין זילבענדיג ווארט, א נאמען "פארד" און דאס ווארט, דער נאמען האט געצונדען פאנטאזיעס, פאנטאזיעס פאר הונגעריגע וועגען ברויט.

און פארד האט ארויסגערוקט זיינע מויערען, אלעמאל פארגרעסערט דעם שטח פון זיינע פאבריקען, זיי געשפרייט אויף מיילען און מיילען. אויף איין ארט און אויף אן אנדער ארט. מען איז געקומען צו איהם, און זיך געשטעלט סטאדעסווייז פאר זיינע טיהרען. און ער, דער באגריף פארד, האט געקליבען, ווי מען קלויבט געזונטע אקסען, אדער שטארקע פערד, וואס זאלען געהן אין שפאן. ווארום דער באגריף פארד האט ניט צוגעפאסט זיינע פאבריקען צו די צעהנדליגער טויזענטער זיהן פון פארשידענע פעלקער און קינדער פון אלערליי לענדער. ער האט זיינע פאבריקען געבויט לויט אן אייגענעם מאדעל, א סיסטעם, און דער סיסטעם איז געווארען א קולט, ווי א געזעץ פון דער נאטור. מענשען און מאשין איז געווארען א צונויפבאהעפטונג, וואס איינס קאן זיך ניט אפטיילען פון אנדערען בשעת דער ארבייט, א מענש איז ניט מעהר ווי א באשטימטע פונקציע אין דער ארבייט, אז מענש איז ניט דאס וויכטיגסטע אין דער מאשין, אז מאשין באפעהלט און הערשט און אז דער מענש האט ניט קיין אייגענעם ווילען ביי דער ארבייט און קאן ניט נוצען קיין אייגענעם פארשטאנד, אז העכערע, אויסגעחשבונטע כחות, וואס ווירקען מיט א רוטין צו דער טויזענטם חלק'על פון א רגע און די פינגער מוזען נאכגעהן, נאכשרויפען, נאכפיילען אט דעם טייל וואס רוקט זיך אונטער און רוקט זיך אוועק.

דאס ווארט "דעטראיט" איז לחלוטין איבעריג, ווייל די פיער בוכשטאבען פון דעם ווארט "פארד" דרינגט אריין דורך די אויגען, און דורך די אויערען, אז וואו מען געהט זעהט מען נאר דעם אויפשריפט "פארד" און וואו מען קומט הערט מען נאר דאס ווארט "פארד", עס זעהט אויס ווי אט דער נאמען, דער באגריף האט עס גורם געווען צו דעם אויפבוי פון דער שטאדט, צו דעם גאנצען קאך, צו דעם טומעל:

פארד און פארד!

און כאטש ניט בלויז פארד האט דא זיינע פאבריקען, אז אנדערע אויטאמאביל מאגנאטען האלטען ארום דער שטאדט באשעפטיגט טויזענטער און טויזענטער ארבייטער, און ווי ווייט איז דען די שטאדט פלינט וואו עס געפינען זיך די "דזשענעראל מאטארס" פעקטאריס, אבער פארד'ס גייסט איז ארויסגעצויגען ווי אויף דער פאן וואס פלאטערט פון טורעם און שפיצען.. ניטא קיין הויז וואס זאל ניט זיין אנגעהאנגען אן דעם גורל פון פארד. ארבייט מען אליין ניט, ארבייט א קרוב, האט מען פרנסה פון דעם, וואס ארבייט ביי פארד'ן.

און אז דער קריזיס וויל — שטעהען אלע רעדער שטיל, און אז פארדס פעקטאריס שטעהען שטיל, קריכט די ארימקייט איבער גאסען און בולווארען. הויבט זיך דעטראיט אויף, לאזט שטעהן די אויפגעקומענע שטאדט און מארשירט ארויס.

* * *

נאר ווי קאן מען ריידען וועגען דעטראיט און ניט וועגען די הארץ פון דעטראיט, וועגען דעם נערוו פון דעטראיט — און דעטראיטס הארץ און נערוו איז ניט אט דער אויסגעליכטיגטער וואשינגטאן בולווארד, וואס ברענט אין דער נאכט מיט דער העלקייט פון טאג-ליכט, און ניט און אויך ניט דער גראנד צירקוס סקווער מיט די צעהנדליגער טעאטערען, די פאלאצען און טעמפלען פון פארוויילונג און אודאי ניט די אומגעהייער לאנגע וואודווארד עוועניו מיט'ן אייביגען קאך, מיט די כוואליענדיגע מענשען שטראמען, און ניט אין די טויזענטער אפיס צימערען פון די ריזיגע בנינים וואס קוקען אריבער די וואלקענס און גרייכען מיט זייער הויכקייט אין די טיפע בלויקייטען פון הימעל.

דעטראיטס הארץ איז ווייט, ארויסגערוקט, עטליכע מייל ווייט, אין א שטאדט טייל, וואס געהערט אפילו יורידיש ניט צו דעטראיט, אין "ריווער רוזש" אין שכנות פון דירבארן, דאס שטעדטעל וואו פארד האט זיך אויסגעקליבען צו מאכען זיין רעזידענס, דאס שטעדטעל וואס האט זיך באריהמט געמאכט מיט איהר צייטונגעל, וואס דער געוועזענער שונא ישראל פארד האט ארויסגעגעבען "דובארן אינדעפענדענט". זי עקזיסטירט שוין ניט. אין דער קליינער ביבליאטעק פון יענעם שטעדטעל, געפינט זיך אט דער "אינדעפענדענט" געבונדען און פארנעהמט א סך פון די פאליצעס. א סברא אז די באריהמטע "זקני ציון" געפינען זיך אויך דארטען, ווארום ווען איך האב געפרעגט די ביבליאטעק מיידעל האט זי מיר פארזיכערט אז זי האט עס און ווען איך האב זיך געהייסען דערלאנגען איז זי געשטעלט געווארען אין א פארלעגענהייט. זי האט זיך מיישב געווען מיט איהר עלטסטען, און דער סוף איז געווען, אז זי האט זיך אנטשולדיגט. די פראטאקאלען געפינען זיך ניט מעהר ביי זיי.

אט דאס איז דער צייכען פון פארדס "חרטה"...

אנשטאט מיט אנטיסעמיטיזם, פארנעהמט זיך פארד מיט אנדערע שפילעכלעך, אט האט ער אין דירבארן אויפגעבויט דעם אינסטיטוט פון באריהמטען דערפינדער טאמאס עדיסאן, דאס איז קודם א קאפיע פון עדיסאנס געבורטס-שטעדטעל אין ניו דזשוירזי. פארד האט געלאזט איבערפלאנצען אט דאס שטעדטעל צו זיך. דאס וואס מען האט ניט געקאנט קריגען אין אריגינאל האבען קינסטלער גענוי קאפירט. אפילו די ערד פון דעם ניו דזשיורזער שטעדטעל האט מען אריבערגעברענגט. גאנצע וואגאנען האט מען געפיהרט. עדיסאנס ערשטע לאבאראטאריום האט מען דא אהער אריבערגעטראגען. יענער פלאץ וואו מיט איין און פופציג יאהר צוריק האט דער אלטער געניאלער דערפינדער ארויסגעבראכט דעם ערשטען עלעקטרישען לאמפ, אט צו דעם לאמפ און צו דער דערפינדונג פיהלט זיך פארד אין נאהענטקייט. ווען ניט די אנטוויקלונג פון די עלעקטרישע קראפט וואלט דער "פארד סיסטעם" ניט געווען דאס וואס עס איז, וואלט די עלעקטרישע ענערגיע ניט איינגעשפאנט דעם מענש אין איר געשפאן און עס וואלט זיך ניט געפארמירט אט דער גיגאנטישער, דער ריזיגער מאסען גולם, וואס הייסט "פארד-סיסטעם"!

פארדס א קלענערע פאבריק געפינט זיך אין מיטען צענטער פון דעטראיט, אין היילאנד פארק. היילאנד פארק איז א באזונדער שטאדט אין מיטען דעטראיט. עס איז די זעלביגע גאס, דער זעלביגער הויז-נומער, נאר . . . מיט אן אנדערע שטאדט פארוואלטונג, אנדערע געזעצען, אנדערע פאליציי, און אז מען געהט ארויס פון היילאנד פארק, אויף יענער זייט — ציהט זיך נאך אלץ די וואודוואורד עוו. און עס איז ווייטער דעטראיט.

די שטאדט האט זיך אויסגעשפרייט, זיך פארפלאכטען מיט אנדערע שטעדטלאך און געגענטען. זיך צונויפגעוואקסען, געווארען איינס, א כרך, א מעטראפאליע, נאר היילאנד פארק האט זי ניט געקאנט אין זיך איינשליסען. פארוואס? ווייל פארד וויל ניט. דער פארדיזם דערלאזט ניט. ווען פארדס פאבריק וואלט געשטאנען אויף טעריטאריע וואס הייסט דעטראיט וואלטען די שטייערען געווען גרויסע, פיעל גרעסערע ווי מען דארף צאהלען אין א קליין שטעדטעל אין היילאנד פארק.

האט פארד וואוינען אין היילאנד פארק זיינע "מענשען" ארבייטער און אנגעשטעלטע, נאהענטע און מקורבים, די "נאהענטע" זיינען די גאנצע מאכער אין דער מוניציאפאליטעט, יעדער פארשלאג פון דעטראיט, פון דער פשוטער געאגראפישער לאגיק, אז היילאנד פארק זאל זיך צונויפשמעלצען מיט דעטראיט טעראטיש (ווייל פאקטיש איז עס דאך איינס) ווארפט מען צוריק, און פארד ברענגט זיך איין מיליאנען דאלארס א יאהר.

אין דערטראיט דערצעהלט מען אז זי האט גארניט פון פארד'ן, א חוץ א שפיטאל וואס האט די פארד פאמיליע אפגעקאפט ארום 11 מיליאן דאלאר. פארד באמיהט זיך וואס צו זיין "ווייטער" פון דעטראיט און נעהענטער צו זיין געבורטס שטעדטעל דירבארן, וואו מיט א באזונדערע התמדה ווערט אפגעהיט דאס הייזעל, וואו ער, הענרי איז געבוירען געווארען אין חודש יולי צוריק מיט זיבען און זעכציג יאהר.

הגם, די "היילאנד פארק פעקטארי" פארנעהמט א ברייטען שטח, און וואלט אודאי ערגעץ אנדערש מרעיש געווען מיט איהר פארנעהם, דאך איז דאס א שפילכעל, אן עופ'לע, אין שייכות צו די פארד פאבריקען אין ריווער רוזש.

כמעט יעדער פון די באזוכער אין דעטראיט האלט פון באשטימטען פסוק: 'אויב זיין אין רוים, איז זעהן דעם פויפסט...' עס וואלט זיך יעדער געשעמט צו זאגען, אויב ער איז געווען אין דעטראיט, און ניט געזעהן פארד'ס פאבריקען.

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטער רעדאקטאר!

איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכען אויף א קליינעם טעות וואס איז אריינגעפאלען אין "אידישען זשורנאל" מאנטאג 7-טען סעפטעמבער, וועגען די קינדער פון דער אידישער קינדער היים אז עס איז ארראנזשירט געווארען אז זיי זאלען באזוכען די יוקליד עוועניו תלמוד תורה. איך דענק אז עס איז פארביטען געווארען דער נאמען ווייל די אויבענדערמאהנטע תלמוד תורה האט מיט דער אינסטיטוציע קיינע אראנדזשמענטס ניט געמאכט און ווייס פון דעם גאר ניט.

מיט אכטונג,

א. שובין,

פרינציפאל פון תלמוד תורה.

ווערטער רעדאקטאר!

ערלויבט מיר, ערשטענס, אייך צו אפדאנקען, אפשר אביסעל שפעט, פאר דער גוטער ארבייט וואס איהר טוט מיט אייער העברייאישער אפטיילונג אין "אידישען זשורנאל" יעדען פרייטאג. מיינע קינדער געהען אין תלמוד תורה פון דעם ערשטען טאג אן, און איך בין פאראינטערעסירט אין דער בראנזוויק עוועניו תלמוד תורה אלס א מעמבער פון דער ליידיס אוקזילערי און אויך אלס וויים-פרעזידענט פון דעם עלטערען פאראיין. איך פארזיכער אייך, אז מיין דאנק איז ניט נאר א פערזענליכער דאנק, נאר אויך א דאנק פון די אלע עלטערען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער תלמוד תורה. איהר האט גאר ניט קיין באגריף וואס פאר א באגייסטערונג עס איז פאר די קינדער און פאר די עלטערען. עס איז נאר א שאד וואס פון בראנזוויק תלמוד תורה שרייבען נאר מיידלאך. א מאדערנע תלמוד תורה מעג אביסעל ערמוטיגען די אינגלאך אויך צו שרייבען א קאמפאזיציע.

און יעצט וויל איך אייך זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם בריעף וואס איהר האט געדרוקט פון א מאמען וועגען אידיש לערנען אין דער תלמוד תורה. איך האב די פראגע נאך אוועקגעשטעלט מיט פיער יאהר צוריק, ווען מר. פראנק האט צוזאמענגערופען דעם ערשטען מיטינג פון די עלטערען. איך האב דאן געזאגט, און איך זאג נאך יעצט אויך, אז אלע עלטערען, אהן אויסנאם, ווילען, אז זייערע קינדער זאלען קענען אידיש. די תלמוד תורה האט מיט איהר זעקס יאהר ארבייט אויפגעטאן זעהר פיעל פאר העברייאיש. ביי מיר אין הויז זענען פארגעקומען עטליכע מיטינגען פון די עלטערע מיידלאך פון דער תלמוד תורה, וואו דער פרינציפאל האט פאר זיי פארגעלעזען און פארבראכט מיט זיי אויף העברייאיש. און איך ווייס וואס פאר א ווירקונג עס האט אויף די קינדער. דער עולם האט זיך איבערצייגט, אז די סיסטעם פון דער בראנזוויק תלמוד תורה איז די בעסטע. אבער אז איך לאז איבער א צעטעל אויף אידיש פאר מיין טאכטער, וועלכע לערענט שוין חומש און פארטייטשט דעם חומש פיין אויף העברייאיש, און מיין טאכטער קען דעם צעטעל ניט איבערלייענען, מוז איך זאגען, אז עס איז א חסרון, ניט קיין מעלה. דאס וואס מען לערנט אזוי גוט העברייאיש איז טאקע זעהר גוט, און אין דער תלמוד תורה דארף טאקע העברייאיש פארנעהמען דעם אויבענאן, אבער דאס, וואס מען לערנט ניט קיין אידיש, איז א חסרון, און מען דארף עס פארבעסערען. מען האט געדארפט איין מאל א וואך לערנען מיט די קינדער אידיש.

ביי יעצטיגער צייט לערנט מען אין תלמוד תורה אידיש נאר מיט די קינדער, וועלכע זענען שוין צו גרויס, און עס איז שוין ניטא קיין האפענונג, אז מען זאל זיי קענען אויסלערנען העברייאיש. אבער דאס איז ניט גענוג. מען האט געדארפט לערנען אידיש מיט די גוטע קינדער אויך.

איך וויל זיך דא ניט מישען צו זאגען אויב מען זאל אנהויבען לערנען אידיש אין דעם ערשטען יאהר, אדער אין דעם דריטען, אדער אין דעם פערטען יאהר. אויף דעם איז דא א פרינציפאל, וואס ווייס זיין ארבייט און א סטעף לערער - פעדאגאגען, און זיי וועלען שוין אויסרעכענען ווי עס איז בעסער. אבער אלס א מאמע, און אלס אזא, וואס הערט זיך צו וואס די מענשען אויף דער גאס זאגען, שטים איך איין מיט דער שרייבערין פון דעם בריעף.

מיט אכטונג,

מרס. קאנאוויטש,

80 ליפינקאט סטריט.

געערטער רעדאקטאר פון ,,זשורנאל'':

זייענדיג ניט קיין גר אין אייער שטאדט, ווילט זיך מיר בעטען ביי אייך דערלויבעניש ארויסצוזאגען עטליכע ווערטער וועגען א וויכטיגער אינסטיטוציע ביי אייך אין שטאדט.

איך האב באזוכט כמעט אלע אידישע אנשטאלטען אין טאראנטא, אבער דעם גרעסטען איינדרוק האט אויף מיר געמאכט אייער מושב זקנים.

עס איז ניט אפצושאצען דעם גרויסען בית המדרש, וועלכער באזיצט פיעל ספרים צום לערנען, און אין וועלכען מען לערנט טאקע אויך.

און פונקט ווי דער זמן התפלה איז אפגעהיט — זמן הלימוד איז רעכט א גאנצען טאג — אזוי ווערט דארט אויך אפגעהיט דער זמן האכילה.

די טישען זענען געדעקט מיט פרישע גוטע שפייזען, דער פאר-א-קלאק טיי פעהלט אויך ניט. מען זעהט דעם אמת'ן ואכלת ושבעת און טאקע אויך דעם וברכת.

אויך האלט מען דארט פון דעם כל דכפין ייתי ויאכול, באזונדערס שבת ביי דער סעודה שלישית.

די פרויען זיצען אפגעזונדערט פון די מענער, אבער עס איז צו באמערקען די אחדות און פריינטליכקייט צווישען אלע.

דער מושב זקנים ווערט אפט באזוכט פון דעם פרעזידענט, מר. ש. הערים, חזן קאפלאן, מר. אליהו פולען, מר. יארמעלאווסקי, מרס. גרינבערג, מרס. בלום, הרבנית מרס. ליוויי און אויך פון אנדערע, וואס שטעהען ניט אזוי נאהענט צו דער אינסטיטוציע. און אלע זענען באגייסטערט פאר דער ארדנונג און די אויפפאסונג, וואס די זקנים און זקנות קריגען.

די ארבייט פון די באאמטע, דעם סופערינטענדענט, מר. בראון, און מרס. בארענשטיין, ווערט געטאן איז קענטיג, בלב ונפש.

און יערפאר געפינט מען אין מושב זקנים אט־א די אלע זאכען וואס ווערען אויסגערעכענט אין ,,ואלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לו לעולם הבא'': פון גמילות חסדים ביז ותלמוד תורה.

פונקט ווי מיין רבי האט מיט מ'ר געלערענט וועגען שיר השירים: שלמה המלך האט געמאכט א סך שירים, אבער דאס איז דער שיר איבער אלע שירים. אזוי זענען אלע אידישע אנשטאלטען הייליג און טייער, אבער מעהר פון אלע דארף זיין הייליג און טייער דער מושב זקנים, די אינסטיטוציע וואס איז ממלא אונזער געבעט פון ,,אל תשליכנו לעת זקנה''.

די גוטהארציגע מענשען פון אייער שטאדט דארפען ניט פארגעסען, אז ווען מיר קומען נאהענט צום יום הדין, נויטיגען מיר זיך אין א מלמד זכות. תשובה ותפלה קענט איהר לייכט אויספיהרען — עס קאסט דאך ניט קיין געלט, אבער איהר קענט אייך ניט באגעהן אהן צדקה.

און צדקה דארפט איהר געבען פאר דעם אנשטאלט.

די געלעגענהייט האט איהר ביים אריינגעבען דעם ספר התורה פון מר. יודאן, געוועזענער קאלעקטאר פון מושב זקנים. און די וואס ווילען ארויסהעלפען דעם ערב ימים נוראים דעם מושב זקנים, וועלען געבענשט ווערען מיט א גוט יאהר און מיט א גוטע עלטער.

מיט אכטונג,

א. וו. טאלצעס.

היינט פאר'ן שלאף

אויב איהר האט היינט געפיהלט עפעס ניט מיט אלעמען, געווען פויל צו דער ארבייט, געהאט שוואכען אפעטיט, דאס קאפ האט אייך וועה געטאן, און זייט געווען דעם גאנצען טאג פארטריבט און מוטהלאז, איז עס א סימן, אז דער מאגען איז ביי אייך ניט אין ארדנונג. נעמט היינט פאר'ן שלאף

עקס-לאקס

(EX-LAX אין ענגליש)

דער טשאקאלאד אפפיהר-מיטעל

און אויף מארגען וועט איהר אויפשטעהן פריש און מוטער.

עקס-לאקס קומט אויך אין פארם פון פייגען—,,פיג-פליוואר''.

אין אלע דראג סטארס.

חזן אברהמ'לע סינגערס סליחות אין דער אסטראווצער שוהל

צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער אסטראווצער שוהל אין טאראנטא, האט די שוהל געהאט אזא גרויסען באגייסטערטען עולם צו סליחות. הונדערטער מענשען זיינען ליידער געוועזן געצוואונגען צוריק צו געהן, אויס מאנגעל אין פלאץ.

חזן סינגער האט אנגעפאנגען די תפלות פון סליחות און האט מיט זיין זיסער געשולטער שטימע און הארציגקייט אין זאגען באלד גענומען דעם עולם מיט שטורם.

אלע מתפללים זיינען געזעסען באגייסטערטע און געפיהלט די הייליגקייט וואס חזן סינגער האט געשאפען מיט זיינע אויסטייטשונגען פון די תפלות.

ער ברענגט זיינע צוהערער צו אזא שטופע פון רעליגיעזען עקסטאז אז מען מוז פארגעסען אלע טעגליכע עסקים, און פיהלען אז מען זיצט אין א מקום קדוש און מען טוט תפלה צום בורא העולם.

צווישען די אנוועזענדע האבען זיך אנגעזעהן פיעלע קריטיקער, מבינים, מנגנים, וואס זיינען ספעציעל געקומען הערען זייער ליבלינג חזן, אברהמ'עלע סינגער, און זיי זיינען זיכער ניט אנטוישט געווארען, א בעוויז איז אז די אויבען דערמאהנטע קריטיקער, צוזאמען מיט אלע אנדערע אנוועזענדע האבען באוואונדערט זיין זאגען פון די רעטשיטאטיווען פון "לכו נרננה", "שמע קולנו" און נאך אנדערע זאכען וואס האבען אריינגעבראכט די מתפללים ביז טרערען.

די אסטראווצער שוהל וועלכע האט אנגאזשירט חזן סינגער פאר די ימים נוראים האט זעהר א סך געוואונען מיט זייער אויסוואהל, ווייל חזן אברהמ'עלע סינגער איז געוויס איינער פון די באגאבטעסטע אויסטייטשער פון חזנישע ליטורגיע.

מען מוז זיי אויך קאמפלימענטירען מיט דעם וואס צוליעב דעם עקאנאמישען קריזיס וואס מיר מאכען איצט דורך, האבען זיי געמאכט די טיקעטס צו מעסיגע פרייזען אזוי אז אלע ליעבהאבער פון גוטע חזנות זאלען האבען די מעגליכקייט צו הערען א גרויסען עמוד קינסטלער, אין א זעהר גרויסע און לופטיגע שוהל.

דורך א מיספארשטענדניש איז אויסגעקומען חזן סינגערן צו האבען אביסעל אונאנגענעהמליכקייט דערמיט וואס ער האט ניט געהאט זיין ריכטיגען כאר צו סליחות, אבער אויף די ימים נוראים וועט חזן סינגער באגלייט ווערען פון א ספעציעל איינגעשטודירטען שעהנעם כאר. דיעזע קאמבינאציע וועט זיין זעהר אינטערעסאנט צו הערען.

מיידעל ארעסטירט פאר נאכמאכען אונטערשריפטען אויף טשעקס

ווען קלארים מארעי, וואס האט זיך אויך גערופען בעטי הענלי איז געקומען אין דאמיניאן באנק, אויף קווין און שערבורן סטריטס צו קעשען א טשעק אויף 35 דאלאר איז זי ארעסטירט געווארען פאר פעלשען די אונטערשריפט אויפ'ן טשעק.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ביז דעם טשעק האט זי געקעשט צוויי טשעקס אויף 15 און 22 דאלאר, אויף וועלכע זי האט געפעלשט די אונטערשריפטען פון ר. הענלי פון דאולינג עוועניו.

מער באקוועמליכקייט פאר העלפט געלט

Pease

עלעקטרישע קויל ברענער

אייער יעצטיגע באהייצונגס איינריכטונג וועט אייך געבען מעהר היץ מיט ווייניגער אויפפאסונג פאר א טייל פון אייערע יעצטיגע באהייצונגס הוצאות פון דעם טאג אן, וואס איהר באזארגט עס מיט א פיעז עלעקטרישען קויל ברענער.

דער בלאוער לאזט אייך ברענען באקוועהם קוילען. עס גיט אייך אויטאמאטישען קאנטראל פון היץ — פארקלענערט די ארבייט פון צושיטען קוילען — און באפרייט אייך כמעט אינגאנצען פון שטויביגען אש, און עס קאסט אזוי ווייניג, אז איהר קריגט פיעל פאך צוריק אייער געלט, וואס איהר האט באצאלט פאר דעם פון אייער אפשפארען אויף קוילען.

דער פיעז עלעקטריק קוילען ברענער האט באוויזען זיין פארלעסליכקייט אין הונדערטער קאנאדער היימען. פרעגט אונז און מיר וועלען אייך צייגען ווי גענטריי, באקוועם און עקאנאמיש ער וועט ארבייטען באהייצענדיג אייער הויז.



PEASE FOUNDRY COMPANY
Limited
120-118 קינג סטריט איסט.
טאראנטא — 2 — אנטאריא.
טעלעפאן עלגין 0101.

אט איז אייער געלעגענהייט צו הנאה האבען פון

קאנאדער גרייפס

5,000,000

באסקעטס פון די פיינסטע און קאנאדע געוואקסענע גרייפס צו די נידעריגסטע פרייזען אין יארען.

גיט אכטונג אויף דער גרייד מארק.


Ontario
Big O Brand
O
CANADIAN GRAPES
Sun-Ripened
Enjoy them Fresh on the Table, in Preserves, Jams, Jellies, Frozen Desserts, Grape Juice and Homemade Wines.
A Few Recipe Suggestions on Reverse Side.

יעדער באסקעט פון רעגירונגס
אינספעקטעד קאנאדער גרייפס
האט דעם צייכען [illegible]
[illegible]

האט הנאה יעצט
קויפט זיי היינט

To the Fruit Branch, Department of Agriculture,
Ottawa, Canada.
Dear Sir:
Please send me one of your free booklets of Grapes Recipes

דער קאנאדער הארטיקולטשורעל
קאונסיל
אין קאאפעראציע מיט
אנטעריא גראוערס קאונסיל.

זה השער לרינה ולתפילה
כל המבינים יבאו בו

האט איהר געהערט

חזן ר' ישראל לייב
טאבאשניקאף

זאגען סליחות אין סטענדערד טעאטער? אויב ניט, פרעגט ביי אייער פריינט. אלע האבען געזאגט אשרך ישראל; ליב מי כמוך, דאריבער איז קיין וואונדער ניט וואס דער סייל אויף טיקעטס איז אזוי גרויס, און אויב איהר ווילט האבען אן אמת'ן עונג יום טוב, איילט זיך צו און קויפט אייערע טיקעטס באלד, ווייל קיין סך פון זיי איז ניט געבליבען.

דער אפיס איז אפען פון 9 מארגענס ביז 11 ביינאכט. קויפט אייערע בילעטען און בעט זיך אויס א גוט, געזונט יאהר, און דערביי הערען א גוטען חזן. איהר וועט זיין תפילה לאנג געדענקען.

טיקעטס צו מעסיגע פרייזען

ספעשעל בארגיינס אויף
יום טוב

העטס און קעפס

העטס, נייע סטיילס פון $1.98 און העכער.

מענער קעפס, נייע סטיילס און באיס קעפס, שעהנע דעזיינס, פון 50 סענט און העכער.

קומט מיך פאטראנייזען ווי אלע יאהר, מיט'ן פרייז וועלען מיר שוין דורכקומען.

ישראל ראטמאן
388 קאלעדזש סטריט
קארנער בארדען
טעלעפאן טריניטי W1852

איך ווינש אלעמען
א גוט יאהר.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619	נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.

לאיער
ה. ס. מאנדעל
— פון —
גודמאן און מאנדעל

בארריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.

רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט

באזונדערע פלעצער פאר

- מילכיגס און פליישיגס -

די אמת'ע כ ש ר ה סיסטעם

עקזיסטירט זינט 1908.

275־273 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן טריניטי 0444.

דער ווינטער קומט — באזארגט אייך מיט דאס בעסטע

קאול-א-מאטיק בלאוער

מיט דעם שטופ און שלעפ מטאר איז אנערקענט אלס דער בעסטער.

די מערסטע בלאוערס וואס ווערען באנוצט זענען —

קאאל־א־מאטיק בלאוערס

די גרעסטע און מאדערנסטע בילדינגס זענען אויסגעשטאט מיט —

קאאל־א־מאטיק בלאוערס

איהר קענט דערגרייכען עקאנאמיע און באקוועמליכקייט בלויז מיט איינעם פון די —

קאאל־א־מאטיק בלאוערס

ווענדעט אייך פאר אינפארמאציע ווענגע —

קאאל־א־מאטיק בלאוערס

— צו —
טשארלס גודמאן
טעלעפאן ערליווד 1753

צו אלע אידען
פון טאראנטא

אין שטאדט איז יעצט פאראן טשיקענס וואס ווערען גע־הרג'ט פון פרעמדע, אומפאראנטווארטליכע פושעים ומורדים לדת, וואס זענען געדונגען געווארען צו דעם צוועק פון געוויסע מופקרים. און די נבלות ווערען פארקויפט אלס כשר.

די מותקרים זאגען, אז זיי האבען א רב וואס ער איז מתיר אסורים. מיט'ן נאמען הורוויץ. ערקלעהרען מיר אייך, אז עס איז א חרפה פאר אידען אזעלכען צו געבען אזא סארט נאמען. די אידען וואס גלויבען אין הש"ית און האלטען פון דער תורה און וויסען פון א שולחן ערוך, זאלען וויסען, אז דער מאן איז אן עם הארץ דאורייתא ממש. פונקט ווי א גוי ווייסט צו פסק'ענען א אידישע שאלה, אזוי פיעל ווייסט הורוויץ אין א שאלה.

זאל ער פארקומען פאר וועלכען רב עס איז, אין די אויגען פון וועלכע בעלי בתים עס איז, וועט איהר זיך אליין איבער־ציינען.

מיר זאגען אייך דעם אמת פון דער זאך. פארשטעהט און ווייסט אז זיינע שאלה'ס זענען נבלה וטריפה. דער מאן האט גאר קיין שייכות מיט אזעלכע זאכען.

אידען לאזט אייך ניט פארפיהרען!

היט אייך פון נבלות

אין 129 פאלמערסטאן עוועניו, אין 30 קענזינגטאן עוועניו אין די צוויי פלעצער הרג'נט'מען די טשיקענס

אויך די שחיטה פון נחום אורי שעכטער, פון בעי סטריט

און גרינבערג פון ליפינקאט סטריט

איז נבלה וטריפה

היט אייך פון פאלשע טיקעטס. וואס די מופקרים האבען נאכגעמאכט.

די כשר'ע טיקעטס האבען א רויטען שטריך, מיט אן ענגלישער אויפשריפט

Under the supervision of the Council of Orthodox Rabbis

ווען איהר קויפט א טשיקען גיט אכטונג אויף דעם כשר'ן טיקעט!

משרד און ועד הרבנים

באקאנטמאכונג

דאס קראקאווער שטיבעל אויף
סט. ענדרו סטריט
אין האל פון מינסקער שוהל
דאווענט ימים נוראים הב'על

דאר קראקאווער רבי שליט"א

וועלכער איז באקאנט מיט זיינע תפלות.

מיר בעטען אלע לאנדסלייט און פארעהרער פון רבי'ן שליט"א, צו קומען דאווענען מיט אונז און זיך אויסבעטען א שנת חיים ופרנסה.

די קאמיטע.

ח י י ם פ א ט ע ק

פון 817 דאנדעס סטריט, וועסט טעלעפאן טריניטי 4530

האט געעפענט א נייעם מאדערנעם

בוטשער שאפ

אויף 383 קאלעדזש סטריט טעלעפאן קינגסדייל 9721

וואו איהר קריגט פרישע פלייש טעגליך, צו ביליגע פרייזען און גוטע באהאנדלונג.

פריש, ריין און ביליג פלייש

דעליווערט אין אלע טיילען פון שטאדט צו יעדער צייט.

קומט אריין אדער טעלעפאנירט: —

קינגסדייל 9721

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט 705 סענטראל בילדינג.	אפיס טעלעפאן: וויוועריי 2211 הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.

לאיער ב. וויינבערג ב.א.

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליס

געלט צו לייען אויף מארגידזשעס.

מארגיידזשעס געקויפט.

ליבערטי טעאטער

דאנדעס און ספעדיינע

דינסטאג און מיטוואך

דער בארימטער שוישפילער

RICHARD
DIX
JACKIE
COOPER
Sensational Star of
SKIPPY
YOUNG
DONOVAN'S
KID
Radio

מיט'ן יונגען אינגעלע
דזשעקי קופער
פרייזען מעסיגע.

וואנצן, קאקראטשעס און גרילען

און אזוי ווייטער, אויסגעריינגט מיט היידרא־סייעניק געז. אלע ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט די ספעציעלע פרייזען פאר סטארס וועל־כע זענען געשלאסען יום טוב.

סאניטארי
פיומיגייטינג קאמפאני
מעלראז 1251

איבערראשענדע נייעס

פאר טאראנטאר אידען

ספעציעל פון די וועסט.

מיר האבען איינע פון די גרעסטע סטאקס פון

באיס סוטס

אווערקאוטס און אלערליי
פענטס

רעדי מייד און געמאכט צו ארדער. ביליגע פרייזען, צופרידענהייט גאראנטירט.

טימיאנאף טיילארס
815 דאנדעס וועסט

פיינטינג פייפער
הענגינג

מיר מאכען אייערע אלטע הייזער אויסקוקען ווי נייע. — רופט אונז בעפאר איהר פייפערט אדער פיינט טעלעפאנירט גלייך טריניטי W 7304.

ניו יארק דעקארייטארס

פארניכטעו!

אבסאלוט גאראנטירט

וואנצען, קאקראטשעס מילבען א. א. וו.

מיט היידרא סייעניק געז און אנדערע מעטאדען.

אונטער דער אויפזיכט פון דער באארד אף העלט.

א סערוויס וואס שפארט אייך געלט

NATIONAL EXTERMINATING
COMPANY
92 SHERIDAN AVE. TORONTO
PHONE MELROSE 1651



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינ־ציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט אלס קאבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט
און אפטישען

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

ערקלערונג
פון ארביטריישאן קאמיטעט

נעכטען אווענט האט דער ארביטריישאן קאמיטעט ווידער פארהאנדעלט מיט די טשיקען דילערס. און אויך מיט א קאמיטעט פון פינף פערזאן, וועלכע זענען געקומען אלס פארטרעטער פון א מאס־מיטינג גערופען ביי די זעלבע דילערס.

ניט קוקענדיג, וואס דער קאמיטעט האט וועגען דעם געוואוסט, האט ער דאך, למען השלום אין שטאדט, פארהאנדעלט און אויס־געהערט די קאמיטעען פון די דילערס, און די אנדערע, און אויסגע־הערט זייערע פארלאנגען.

סיי די דילערס, און סיי די 5־ער קאמיטע, האבען געפאדערט, אז די 4 שוחטים סטרייק־ברעכער און זייער רב, זאלען אפיציעל אנערקענט ווערען צוגלייך מיט די סטרייקענדע שוחטים.

די ארביטריישאן קאמיטע האט ערקלעהרט פאר דער קאמיטע, אז בנוגע דעם רב און די שוחטים, צי זיי זענען בארעכטיגט צו פסק'ענען שאלות און שעכטען עופות, איז ניט אין איהר יוריסדיקציע, אבער פארשפרעכט סיי די דילערס, און סיי דעם 5־ער קאמיטעט, אז דער קאמיטעט איז גרייט דעם ענין צו שליכטען צו דער צופרידענ־הייט פון דער שטאדט און אלע צדדים, אבער וועגען דעם זאל אנט־שיידען אן אויסערער אויטאראטיווער רב, בתנאי, אז דער רב און די שוחטים מוזען זיך גלייך צוריקציהען און זיך פארלאזען אויף דער אנטשיידונג פון דעם רב און א 10־ער קאמיטעט פון ביידע צדדים.

די דילערס און די 5־ער קאמיטע האבען דעם באשלוס ניט געוואלט אננעהמען און דארום ערקלעהרט די ארביטריישאן קאמיטע אז די שולד פון ווייטערדיגען סכסוך אין שטאדט פאלט אויף די דילערס און דעם זאגע־נאנטען 5־ער קאמיטעט זייערע.

די סטרייקענדע שוחטים זענען אויפגעפאדערט צו שעכטען ווייטער עופות אונטער דער השגחה פון ועד הרבנים, און דער אידישער עולם זאל מעהר ניט צאהלען ווי די

באשטימטע

5 סענט שחיטה געלט דורך א טיקעט

די ארביטריישאן קאמיטע, ערוועהלט פון 48 אידישע שוהלען, ארגאניזאציעס, סאסייטיס און אוקזילערים.

מאיר וו. ווייסגאל, פרעזידענט.
מתתיהו קרעמער, סעקרעטאר.

הויבט אן דאס נייע יאר מיט גליק און צופרידענהייט

קומט הערען אונזער אייגענעם בארימטען

חזן ר' אברהם'לע
סינגער

וועלכער וועט דאווענען ביי אונז די ימים נוראים הבע"ל

אונזער גרויסע

אסטראווצער שול

אויף סיסעל און ספעדיינע עוועניו

די אסטראווצער שוהל

איז גוט באקאנט צו אלע טאראנטאר אידען, וואו א גאנץ יאהר איז פריי צו דאווענען פאר יעדען איינעם.

יעצט האט איהר א געלעגענהייט צו הערען איינעם פון די גרעסטע חזנים אין לאנד, און פאטראנייזען די שוהל.

באזארגט זיך גלייך מיט פלעצער, וועלכע איהר קענט שוין באקומען אין שוהל און אויסבעטען זיך א כתיבה וחתימה טובה.

טיקעטס פון 2 דאלאר און העכער

די קאמיטע פון אסטראווצער שוהל.

פרייד אף איזראעל סיק בענעפיט סאסייטי

לאזט וויסען אלע איהרע מיטגלידער, און צו אלע אידען פון טאראנטא

— אז —

ראש השנה און
יום כפור הבע"ל

וועט מיט אונז דאווענען
דעם גוט באוואוסטען חזן

— רב דוד —
ג. ליק

מיט א גוט איינגעשטודירטן
כ א ה.

אין דעם פראגטפולען לאפטיגען

קאנצערט האל, 450 ספעדיינע עוו.

בילעטען צו זעהר מעסיגע פרייזען.

בלויז א באגרעניצטע צאל בילעטען זענען נאך פארבליבען צו זעהר מעסיגע פרייזען.

קומט דאווענען מיט דער פרייד אף איזראעל און מיר וועלען זיך אלע אויסבעטען א געזונט און גליקליך יאהר.

די קאמיטע.